# דער פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
ר' אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

שופטים

מכון באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכענטלעך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

**ארה"ב:**
Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**
© 2025 כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## פרשת שופטים


לא תירא מהם - אמונה פשוטה, אָן חקירות ודרישות........ ד

קול דודי דופק - דער קעניג דרייט זיך צווישן אונז, מ'קען גרינג צוגיין ...........יג

ודודי לי - לאמיר נישט פאַרפאַסן דעם 'עת רצון' ........ טו


**ספה"ק בת עין**

**רֵאשִׁית דְּגָנְךָ תִּירוֹשְׁךָ וְגוֹ' וְרֵאשִׁית גֵּז צֹאנְךָ תִּתֶּן לוֹ.** די אנהייב פון דיין תבואה און דיין וויין און דיין אויל און די אנהייב פון די שערונג פון דיין שאף זאלסטו געבן פאר דעם כהן.

**וְנוּכַל לְהָבִין דֶּרֶךְ מוּסָר** אונז קענען דאס פארשטיין אויף א וועג פון מוסר, **מַה שֶּׁהַתּוֹרָה מְצַוָּה לָנוּ לִיתֵּן מִכָּל דָּבָר רֵאשִׁית לַכֹּהֵן** דאס וואס די תורה האט אונז באפוילען צו געבן פון יעדע זאך דאס ערשטע אפשיידונג פארן כהן. **הַיְינוּ שֶׁצָּרִיךְ הָאָדָם לְהָבִין בְּכָל הַטּוֹבוֹת הַנִּשְׁפָּעִים עָלָיו מֵהַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא** דאס איז ווייל א מענטש דארף פארשטיין אז אלע גוטס וואס קומט אויף אים פונעם באשעפער, **שֶׁהוּא רַק מִמִּדַּת חֶסֶד חִנָּם** אז דאס איז אלעס נאר א אומזיסטע חסד פונעם באשעפער, **וְלֹא מִצַּד מַעֲשָׂיו** און נישט אז עס קומט זיך אים צוליב זיינע גוטע מעשים, **כְּעִנְיַן 'כֹּחִי וְעוֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי' וְגוֹ'** (דברים ח, יז) ווייל ווען מען מיינט אזוי אז ס'קומט זיך אים אלעס איז עס אזוי ווי די פסוק ווארענט אונז מען זאל נישט זאגען אז צוליב מיין שטארקייט און כח האב איך געמאכט מיין פארמעגן, **שֶׁמִּצַּד מַעֲשָׂיו בְּוַודַּאי לֹא הָיָה זוֹכֶה לְכָל זֶה** ווייל ער פון זיינע מעשים אליין וואלט ער זיכער נישט זוכה געווען צו דאס אלעס, **וַאֲפִילוּ לְפָחוֹת מִזֶּה** און וואלט אפילו נישט זוכה געווען צו ווייניגער פון דעם. **אַךְ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לָבֹא לִבְחִינָה זוֹ** נאר מען קען נישט צוקומען צו די בחינה פון אנערקענען אז אלעס איז א אומזיסטע חסד, **רַק עַל יְדֵי בְּחִינַת הַכְנָעָה וּשְׁפְלוּת בֶּאֱמֶת** נאר דורך אז מען האלט זיך באמת נידריג (ד"מ - זיך נישט האלטן גרויס) און אונטערטעניג, **הַיְינוּ שֶׁיֵּדַע בְּעַצְמוֹ מִיעוּט עֶרְכּוֹ הַשָּׁפֵל וְהַנִּבְזֶה** דאס מיינט אז דער מענטש זאל אליין אנערקענען זיין פארשעמטע און נידריגע ווערד, **וּמֵחֲמַת זֶה** און וועגן דעם וואס ער אנערקענט עס, **מִמֵּילָא כָּל מַה שֶּׁהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ עוֹשֶׂה עִמּוֹ הוּא אֶצְלוֹ רַק מִצַּד חֶסֶד חִנָּם** וועט דער מענטש פון זיך אליין אנערקענען אז אלעס וואס השי"ת טוט מיט אים, איז נאר צוליב דעם באשעפער'ס אומזיסטע חסד.

**(פרשת שפטים ד"ה ראשית דגנך)**


תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

# פרשת שופטים

**לא תירא מהם - אמונה פשוטה, אָן חקירות ודרישות**

'כי תצא למלחמה על אויביך, וראית סוס ורכב עם רב ממך, לא תירא מהם' (כ, א).

**דער** רבינו יונה שרייבט ('שערי תשובה', שער ג, לב) אַז די תורה טוט אונז דאָ אָנזאָגן אַז אויב מען וועט זעהן אַז עס קומט א צרה ח"ו, זאָל מען זיך שטארקן אין האַרץ מיט די ישועה פונעם באַשעפער[א], און מען זאָל זיין זיכער ביי זיך אז די ישועה וועט קומען[ב], אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים פה, י) 'אך קרוב ליראיו ישעו'[ג].

---

**א.** מיר האָבן געהערט אַ מורא'דיגע מעשה וועגן דעם ווי דער אויבערשטער פירט די וועלט, און ער שטעלט צו פאַר יעדן איינעם וואָס ער דאַרף האָבן. אַ חשוב'ער בחור, חיים דב בן נחמה, איז שוין אַלט געוואָרן 30 יאָר, און עטליכע יאָר צוריק האָט ער ליידער באַקומען אַ זעלטענע מחלה ל"ע אויף די אויגן, וועלכע זענען שוין געווען 79 פראָצענט בלינד רח"ל. זיינע אויגן זענען טאַקע פאַרלאָשן געוואָרן, אָבער נישט זיין האַרץ. אין האַרץ און אין מהות, שיינט אַ גאָר שטאַרקע אמונה אַז דער אויבערשטער גיט פאַר יעדן איינעם דאָס בעסטע לויט ווי ס'איז גוט פאַר איהם.

זייענדיג אַ אַ קאַרלינער חסיד, דאַווענט חיים דב - אַזוי ווי אַלע קאַרלינער חסידים - הויך אויפ'ן קול. ער האָט מיטגעמאַכט דריי אָפּעראַציעס, די דריטע פון זיי אין אַמעריקע פאַריאָר, דער אויבערשטער זאָל איהם טאַקע שיקן אַ רפואה שלימה.

אין טאָג פון די אָפּעראַציע האָט זיין טאַטע איהם אויפגעוועקט און געזאָגט אַז מ'דאַרף זיך צואיילן צו פאָרן אין שפיטאָל, ווייל עס דאַרף באַלד פאָרקומען די אָפּעראַציע. האָט חיים דב געזאָגט: איך האָב דאָך נאָך נישט געדאַווענט. איך וועל פריער דאַווענען, און דאַן וועלן מיר פאָרן. זאָגט איהם זיין טאַטע: ס'איז זייער שפּעט, און ס'איז כדאי דו זאָלסט שנעל אָפּדאַווענען (אָדער כאָטש מקצר זיין) אָבער חיים דוב, ביי וועמען ס'איז זייער חשוב די עבודה פון תפילה, האָט געענטפערט (אַכטונג געבנדיג נישט עובר צו זיין ח"ו אויף די מצוה פון כיבוד אב), איך וועל נישט טוישן מיין מנהג. כ'וועל דאַווענען הויך אויפ'ן קול, ווי מ'פירט זיך אין קאַרלין, און אַזוי לאַנג ווי יעדן טאָג... ער האט צוגעגעבן, אַז אפשר וועט ער דאַווענען אונטערוועגנס (ס'איז געווען אַ לאַנגער וועג צו פאָרן פון די אכסניא צום שפיטאָל). האָט זיין טאַטע איהם געזאָגט, אַז מ'קען נישט זיצן אין אַ קליינע קאַר מיט אַ גוי'אישן דרייווער, און דאַווענען הויך אויפ'ן קול אַ 'קאַרלינער דאַווענען'... דער גוי'אישער דרייווער איז דאָך אימשטאַנד אונז פשוט אַרויסצוואַרפן פון די קאַר אינמיטן וועג...

למעשה, האָט מען זיך געאיילט, און דער טאַטע האָט באַשטעלט אַ קאַר צו קומען זיי אָפּנעמען ביז דריי מינוט. צו אלעמענס וואונדער, איז געקומען א נאטיץ פונעם קאַר סערוויס אפיס אַז **דער דרייווער איז טויב**. ער הערט נישט, און מ'קען זיך פאַרבינדן מיט איהם נאָר דורך שרייבן...

פון די מעשה זעהען מיר, ווי דער אויבערשטער האָט אַלעס צוגעשטעלט פאַר אַן ערליכן בחור. **וויפיל טויבע דרייווערס זענען דען דאָ?!...** ס'איז מסתמא כמעט נישט בנמצא אַפילו איינער צווישן טויזנט (ווייל אַז אַ דרייווער הערט נישט, קען ער דאָך נישט קאָמוניקירן מיט די קאָסטימערס), און דאָ האָט דער אויבערשטער צוגעשיקט פאַר זיי אַ טויבן דרייווער נאָך פאַר דער **צייט** (ווייל ווען מ'האָט באַשטעלט די קאַר, איז דער דרייווער שוין געווען כמעט נאָנט צו זיי), כדי אַ חשוב'ער בחור זאָל קענען דאַווענען 'בקולות וברקים ולפידים נוראים', אַזוי לאַנג ווי ער וויל...

**ב.** דער מענטש דאַרף איינוואָרצלען אין האַרץ דעם געדאַנק אַז די ישועה וועט קומען, און אַזוי וועט ער עס 'זעהן' ביי זיך אין האַרץ, און ער וועט נישט דאַרפן מורא האָבן, ווייל ער איז דאָך שוין אַ 'רואה את הנולד'... און אַזוי וועט ער זיין זיכער, אַז ער וועט בקרוב געהאָלפן ווערן.

מיר האָבן געהערט אין נאָמען פון אַ חכם, אַ וואָרט אויף דעם פסוק (תהלים צד, יח) 'אם אמרתי מטה רגלי חסדך ה' יסעדני'. לכאורה איז שווער וואָס דער פסוק זאָגט 'אם **אמרתי** מטה רגלי'. עס וואָלט געווען גענוג צו זאָגן 'אם מטה רגלי'.

נאָר די כוונה פון פסוק איז, ס'איז נישט באמת אַ מצב פון 'מטה רגלי' ח"ו. ס'איז נאָר אַ בחינה פון '**אמרתי** מטה רגלי', ווייל אפילו אויב עס דאַכט זיך פאַר דעם מענטש אַז עס איז 'מטה רגלי' ח"ו, איז עס נישט מער ווי אַ דמיון. ער וועט קיינמאָל נישט פאַלן ח"ו...

על דרך משל, אַ קליין קינד באַוויינט זיין 'לעגאָ' שפיל וואָס אַן אַנדער קינד האָט צובראָכן. שטייט נעבן איהם אַ בחור וואָס לערנט שוין אין 'ישיבה קטנה', און ער לאַכט פון איהם, אַז ער וויינט אויף אַזעלכע 'נאַרישקייטן'. האָט עס דען אַ זינען צו וויינען און קלאָגן אויף אַזעלכע שטותים?

באותו מעמד, וועט אָבער יענער בחור (וואָס האָט פריער געלאַכט פון דעם קליינעם יונגל), באַוויינען זיינע אייגענע 'פראָבלעמען'. צום ביישפיל, אויב דער משגיח פון דער ישיבה האָט איהם 'אַריינגעפאָרן' מיט אַ 'פסק', און דאָס גלייכן, וואָס אַ בחור וואָס איז שוין עלטער פון איהם, וועט אויך פון איהם אָפּלאַכן. 'אויך מיר אַ צרה, אַז דער משגיח האָט דיך אָנגעשריגן'... דער עלטערער בחור, ווידער, איז צובראָכן פון אַן אַנדערן פראָבלעם. צום ביישפיל, ווען אַ געוויסער שידוך איז אַראָפּ פונעם סדר היום... וועט אַ יונגערמאַן לאַכן פון דעם עלטערן בחור: אויך מיר אַ פראָבלעם... אַ שידוך אַרויף, אַ שידוך אַראָפּ... האָסטו דען אַן אַנונג וואָס עס מיינט די דאגה פון 'שלום בית'... וואָס עס מיינט ערציען קינדער... און נאָך אַן עלטערער יונגערמאַן וועט זאָגן: נו, צי ווייסטו וואָס עס מיינט חתונה מאַכן די קינדער?...

אַזוי פירט זיך די וועלט. וואָס עלטער דער מענטש ווערט, טוט ער גרינגשעצן די 'צרות' פון די וואָס זענען יונגער פון איהם...

דאָס זאָגט דוד המלך ע"ה, איך האָב מיטגעמאַכט אַסאַך צרות אין לעבן, בני חיי ומזוני. מ'רודפ'ט מיך, א.א.וו. דאָס איז די כוונה פון פסוק, 'אם **אמרתי** מטה רגלי', אויב איך, וואָס איך האָב שוין אַדורכגעמאַכט אַזוי פיל אין לעבן, זאָג דיר אַז ס'איז ממש געווען 'מטה רגלי', איז עס טאַקע אַזוי געווען. אבער פונדעסטוועגן, דאַרפסטו וויסן **אַז עס איז נישט דאָ אַזאַ מציאות ווי 'מטה רגלי', ווייל אין יעדע צייט, 'חסדך ה' יסעדני' - טוט דעם אויבערשטענ'ס חסד מיך אונטערהאַלטן.**

אַ איד וואָס איז געווען ווייט פונעם דרך התורה והמצוות, האָט געזוכט 'פאַרגעניגן', און מיט זיין נאַרישן שכל, האָט ער זיך אָנגעקלעבט אין מענטשן וואָס זענען 'פאַרקאָכט' אין דעם 'סאָקער' שפיל.

און כאָטש מיר האָבן, ברוך השם, נישט קיין 'השגה' אין די אַלע נאַרישקייטן, פונדעסטוועגן, 'לסבר את האוזן', וועלן מיר דאָ ברענגען די 'הויפּט-פונקטן' פון דעם שפיל, וואָס שטאַמט פון די גריכישע קולטור. אין דעם 'סאָקער' שפיל באַטייליגן זיך צוויי גרופּעס, וואָס קעמפן איינע קעגן די אַנדערע. זיי שפּילן זיך אַזוי ווי קליינע קינדער אין אַ 'קינדערגאַרטן', און דער גרויסער פאַרזאַמלטער פובליקום אינעם סטאַדיום קוקט זיך צו 'בדחילו ורחימו' צו יעדן ריר פון די שפּילער, וועלכע לייגן אַריין אַלע זייערע כוחות צו כאַפּן דעם 'באָל' איינמאָל און נאָך אַמאָל, אָן אַ ציל און תכלית... יעדער איינער פון די אָנוועזענדע, איז 'פאַרקויפט' מיט'ן גאַנצן האַרץ און נשמה פאַר איינע פון די גרופּעס. ווען זיין גרופּע זיגט, פרייט ער זיך 'ביזן זיבעטן הימל', און ווען זי פאַרלירט, טרויערט ער ממש, אַזוי ווי אידן (להבדיל) טרויערן תשעה באב. אויך דער דערמאַנטער פאַרשוין איז געווען אַריינגעטוהן דערין 'ראשו ורובו', און מ'קען מיט רעכט זאָגן, 'ברוך הוא אלוקינו שבראנו לכבודו והבדילנו מן התועים'.

אַלזאָ, אין אַ געוויסן טאָג האָט ער געהערט וועגן אַ גרויסן שפיל וואָס וועט פאָרקומען צווישן ביידע גרופּעס. ער האָט שוין כמעט געקויפט אַ טיקעט, כדי צו קענען 'מיטלעבן' דעם שפיל. אין יענע מינוטן האָט ער אָבער געהערט, אַז יענע נאַכט וועט זיין איינציגער ברודער חתונה מאַכן זיין בן-יחיד. און כאָטש ביי איהם, איז דער 'הייליגער שפיל' פילפאַכיג וויכטיגער ווי די חתונה פון זיין איינציגן ברודער'ס בן יחיד, האָט ער האָט זיך נישט געקענט אַרויסדרייען פון דעם דרוק פון זיינע עלטערן, און ער האָט - צו זיין ווייטאָג - געמוזט מוותר זיין אויף זיין באַטייליגונג אין דעם שפיל...

צוליב זיין צובראָכנקייט אַלס רעזולטאַט אַז ער וועט פאַרפאַסן דעם ספּאָרט-פאַרמעסט, האָט ער אַ פּאָר טעג נישט געגעסן עפּעס אין מויל אַריין, און נישט פאַרמאַכט אַן אויג... צום סוף איז איהם איינגעפאַלן אַ געניאַלער געדאַנק: ער האָט געבעטן פון זיין חבר, וועלכער איז געווען פונקט אַזוי 'פאַרקאָכט' אין ספּאָרטס אַזוי ווי ער, אַז ער זאָל אַראָפּכאַפּן מיט זיין ווידעאָ-קאַמעראַ דעם גאַנצן שפּיל פאַר איהם, און אַזוי וועט ער 'זוכה זיין' כאָטש מקיים צו זיין דעם 'והיו עינים רואות את...', און צומאָרגענס וועט ער קענען זעהן דעם שפּיל. אַזוי וועט ער נישט זיין אינגאַנצן 'אָפּגעהאַקט' פון דעם מקור פון זיין חיות...

צומאָרגענס נאָך דעם ספּאָרט פּאַרמעסט, איז ער אויפגעשטאַנען פריה, און איז באַלד אַריבערגעגאַנגען צו זיין חבר אין הויז, כדי אָפּצונעמען ביי איהם דעם 'דיסק', וואו ער וועט קענען זעהן די וואונדערליכע מחזה פון דעם נעכטיגן שפּיל... וואָס מענטשן בעלי דעת עקלען זיך דערפון, און עס אינטערעסירט זיי אַזוי ווי דער פּאַר אַ יעריגער שניי... זיין חבר האָט איהם נאָך צוגעזאָגט זאַלץ אויף די וואונדן: 'איי, איי, האָסטו פאַרפעלט אַ שפּיל... דו האָסט נישט קיין אַנונג וואָס פאַראַ שפּיל ס'איז נעכטן געווען... דער גאַנצער שאָדן איז דיינער... נעם דיר דעם דיסק, און וויסן זאָלסטו אַז אונזער גרופּע האָט 'געזיגט' אינעם נעכטיגן שפּיל'.

ער איז אַהיימגעקומען מיט'ן 'דיסק', און צוזאַמענגענומען די גאַנצע משפּחה אַרום אַ געדעקטן טיש, און מ'האָט זיך גענומען קוקן אויפ'ן שפּיל. דערוויל זעהט מען אָבער נאָר ווי 'זיין' גרופּע פאַרלירט איין פּאַרמעסט נאָכ'ן אַנדערן... זיין ווייב און קינדער האָבן אָנגעהויבן וויינען און קלאָגן, אָבער ער זיצט רואיג און קייעט די געזאַלצענע ניסלעך א.א.וו., וואָס זיצן אויפ'ן טיש... כאילו די אַלע דורכפאַלן פון זיין גרופּע באַרירן איהם בכלל נישט... זיין 'עזר כנגדו' האָט נישט געקענט פאַרשטיין ווי ער קען זיצן אַזוי רואיג, אין אָנבליק פון די גרויסע 'שאָדענס' וואָס זיין גרופּע ליידט דאָ נאָכאַנאַנד. ער האָט איר אַפילו נישט געענטפערט, ביז זי האָט אָנגעפאַנגען וויינען: צי דען זעהסטו נישט וואָס דאָ קומט פאָר? אין צען מינוט, ענדיגט זיך דער גאַנצער פּאַרמעסט, און אַלעס איז 'פאַרלוירן'... האָט דער מאַן איר געענטפערט: פאַרוואָס פאַרשטייסטו נישט? **איך ווייס קלאָר, אַז צום סוף וועלן מיר זיגן...** ווייל אַזוי האָט ער דאָך קלאָר געהערט פון זיין חבר, אַזאַ שוטה ווי ער, אַז היינט איז אַ פרייליכער טאָג, ווייל זייער גרופּע האָט געזיגט. אָט-אָט וועסטו זעהן, ווי אַלעס וועט זיך איבערדרייען לטובה... האָט ער איר באַרואיגט.

'מאויבי תחכמני'. פון דעם קענען מיר לערנען, אַז פונקט אַזוי ווי יענער פאַרשוין איז געזעסן רואיג, ווייל **ער האָט געוואוסט אויף זיכער** אַז צום סוף וועט זיך אַלעס איבערדרייען צום גוטן, און זיין גרופּע וועט זיגן, דאָס זעלבע דאַרפן מיר געדענקען. אָפּט מאָל דאַכט זיך פאַר דעם מענטש אַז ס'איז פינצטער ח"ו. ער ליידט געלט שאָדענס איינס נאָכ'ן אַנדערן. דער שדכן האָט אויפגעגעבן אויף אַ שידוך פאַר איהם. דער דאָקטאָר האָט 'געהויבן הענט' ח"ו. דאָ האָט ער שאָדן געהאַט געלט, דאָ האָט ער געליטן בזיונות, און אַזוי ווייטער און ווייטער - יעדער איינער אויף זיין אייגנאַרטיגן אופן. אָבער **אויב די ווייסט קלאָר און זיכער** אַז אַלעס ווערט געפירט פון אויבן מיט השגחה פּרטית, פאַר **דיין** גוטן תכלית, דאַן ווערסטו נישט נתפעל, און האָסט נישט קיין חלישות הדעת. אדרבה, די וועסט בלייבן רואיג, און וואַרטן צו זעהן די ישועה פון דעם אויבערשטען, און דעם תכלית פון דעם אויבערשטענ'ס הנהגה, וואָס אַלעס איז פאַר דיין טובה.

מיר האָבן שוין אַסאַך מאָל נאָכגעזאָגט די ווערטער פון רש"י ז"ל, אויפ'ן פּסוק 'תמים תהיה עם ה' אלוקיך', זאָגט רש"י, 'התהלך עמו בתמימות ותצפה לו'. זעהען מיר, אַז צוזאַמען מיט'ן אָננעמען דעם דין באהבה, מיט ליבשאַפט, גלייבנדיג אַז אַלעס איז פאַר דעם מענטשן'ס טובה, איז מען נאָך אַלץ מחויב צו האָפן אויף די ישועה און זיך פאַרזיכערן אויף דעם אויבערשטען, אַז אַלע דינים וועלן איבערגעדרייט ווערן צו אָפענע רחמים, און מ'וועט זוכה זיין צו זעהן די אָפענע טובה וואָס איז באַהאַלטן אין יעדע זאַך.

הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע פלעגט זאָגן, אַז **אַ איד איז מחויב צו גלייבן אַז 'קץ שם לחושך'. די פינצטערניש וועט פאַרביי גיין, און אויף איר אָרט וועט קומען לעכטיגקייט.** (ספר 'תורת אבות', דרכים בעבודת הבורא)

אויך האָט דער קאָברינער זי"ע געזאָגט אַ רמז אין פּסוק (תהלים קטז, י) 'האמנתי כי אדבר אני עניתי מאד'. דער מענטש איז מחויב צו גלייבן, **'כי אדבר'** איך וועל נאָך אַמאָל דערציילן, אין גוטע פרייליכע צייטן וואָס דער אויבערשטער וועט מיר נאָך געבן, **'אני עניתי מאד'** - איך בין אמאל געווען אָרים... ווען דער מענטש איז אין אַ קלעם, דאַרף ער גלייבן אַז עס וועלן נאָך קומען גוטע צייטן ווען איך וועל קענען רעדן וועגן די יעצטיגע יסורים, אַזוי ווי וועגן יסורים וואָס זענען פאַרביי געגאַנגען, און כ'וועל קענען דאַנקען דעם אויבערשטען פאַר זיין ישועה. ('תורת אבות', אמונה ובטחון)

**ג.** אַזוי האָט געזאָגט דער סקולענער רבי, הרה"ק בעל 'נועם אליעזר' זי"ע, אויף דעם לשון וואָס מיר זאָגן (אין די ברכה פון 'יוצר אור') 'בורא רפואות'. מ'זאָגט נישט **'ברא'** רפואות אין אַ לשון עבר (ער האָט באַשאַפן רפואות), נאָר 'בורא' - לשון הוה, מרמז צו זיין אַז **אַפילו אויב די דאָקטוירים זאָגן אַז דער מענטש האָט ח"ו נישט קיין רפואה, זאָל ער זיך נישט מייאש זיין, ווייל דער אויבערשטער איז 'בורא רפואות' - יעדעס מאָל טוט ער באַשאַפן רפואות פונדאָסניי.**

**אויף** אַן אַנדערן אָרט שרייבט דער רבינו יונה (משלי ג, כו) ווענן דעם ענין פון בטחון, אַז דער מענטש דאַרף וויסן ביי זיך אין האַרץ, אַז אַלעם איז פון הימל. דער אויבערשטער קען ענדערן די טבע, און פאַרטווישן דעם מזל. דער באַשעפער האָט נישט קיין אָפּהאַלט צוהעלפן, אַסאַך אָדער ווייניג, און אפילו אויב די צרה איז שוין נאָנט איז די ישועה נענטער. אין יעדע עת צרה ווען ס'איז פינצטער ח"ו, זאָל מען זיך פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטען ווייל דער אויבערשטער איז אַ 'כל יכול', און מען זאָל וויסן באמת אַז דער אויבערשטער קען איהם העלפן פון יעדע צרה. 'ישועת ה' כהרף עין'.

**אפי'** אויב אַ שווערד ליגט שוין ח"ו אויף'ן האַלדז, דאַרף מען האָפען און אַרויסקוקן אויף די ישועה, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (איוב יג, טו) 'הן יקטלני לו איחל'. אויך זאָגט דער פסוק (תהלים סב, ט) 'בטחו בו בכל עת'. די ווערטער 'בכל עת' איז טייטש, יעדע צייט, אויך ווען די צרה איז שוין דאַ און מען ווייסט נישט ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען.

**אַזוי** לייענען מיר ווייטער אין דער סדרה (יח, יג) 'תמים תהיה עם ה' אלוקיך'[ד]. זאָגט רש"י, 'התהלך עמו בתמימות[ה] ותצפה לו, ולא תחקור אחר העתידות[ו],

## מן הבאר

הגה"צ רבי נתן מאיר וואַכטפאָגעל זצ"ל, משגיח פון דער ישיבה "בית מדרש גבוה' אין לעיקוואוד, האָט נאָכגעזאָגט (קובץ שיחות, ח"א, נז), אין נאָמען פון דעם גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע, אַז ווען מ'וועט פרעגן דעם מענטש ביים בית דין של מעלה 'צפית לישועה' - אויב ער האָט געהאָפט אויף די ישועה, מיינט דאָס נישט דווקא די ישועה פון כלל, אויב ער האָט געהאָפט אויף די גאולה שלימה פון כלל ישראל, נאָר **מ'פרעגט יעדען איינעם אויך ווענן זיינע פרטיות'דיגע ענינים, אויב ער האָט געגוג בטחון אויף דעם אויבערשטען אַז ער וועט איהם אויסלייזן פון אַלע זיינע פרטיות'דיגע פראָבלעמען און שוועריגקייטן, אויב ער האָט אַלע צייטן געהאָפט אויף די ישועה.**

עס ווערט געברענגט (מעשה איש', ח"ב, ע' קנט) אַז אַ איד וואָס איז געווען זייער נישט געזונט ל"ע, און די דאָקטוירים האָבן איהם געזאָגט אַז ער האָט נאָר פיר טעג צו לעבן, ה' ירחם. איז ער געקומען צום גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל, און איהם דערציילט וואָס די דאָקטוירים האָבן איהם געזאָגט. האָט דער 'חזון איש' איהם געפרעגט:

- וואָס האָט דער אויבערשטער באַשאַפן אין ערשטן טאָג פון די בריאה?

האָט דער איד געענטפערט פאַר'ן 'חזון איש', וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפן אין ערשטן טאָג. דאַן האָט דער 'חזון איש' איהם געפרעגט: און וואָס האָט ער באַשאַפן אין צווייטן טאָג פון די בריאה? אַזוי האָט ער איהם אויסגעפרעגט ווענן די ערשטע פיר טעג פון די בריאה, און אויף יעדע פראַגע האָט דער חולה געענטפערט וואָס דער אויבערשטער האָט איהם באַשאַפן. זאָגט איהם דער 'חזון איש':

**- אויב דער אויבערשטער ברוך הוא, דער בעל היכולות כולם, האָט געקענט באַשאַפן אַזוי פיל זאַכן אין פיר טעג, קען ער אַוודאי אויך באַשאַפן פאַר דיר אַ רפואה אין פיר טעג!**

אַזוי איז טאַקע געווען. פונקט יענע וואָך, איז באַקאַנט געוואָרן אויף דער וועלט די ערפינדונג פון אַ נייעם מעדיצין וואָס רופט זיך 'פעניצילין', און די משפחה קרובים פון דעם חולה האָבן איהם שנעל אָפּגעשיקט פון ענגלאַנד קיין ארץ ישראל, דעם פעניצילין, און דער איד איז, ברוך השם, פולשטענדיג געזונט געוואָרן.

**ד.** דער 'בעל הטורים' שרייבט אַז ס'איז דאָ אַ גרויסער אות ת' אינעם וואָרט 'תמים', כדי אונז צו לערנען, **אַז אויב מ'פירט זיך בתמימות מיט דעם אויבערשטען, איז גלייך ווי מ'וואָלט מקיים געווען די גאַנצע תורה, 'פון א' ביז ת'**, ווייל דאָס איז דער יסוד פון דער גאַנצער תורה, אומצוגיין מיט תמימות און גלייבן באמונה שלימה אין דעם אויבערשטען ברוך הוא.

דער קאָצקער רבי זי"ע האָט געזאָגט, אַז דער גרויסער ת' איז אַ רמז אַז ס'איז דאָ פלאַץ פאַר יעדן איינעם וואָס וויל אַריינקומען אין כלל פון די 'תמימים', מיט'ן אויסנאַם פון דעם בעל גאוה, וואָס ער האַלט

זיך פיל 'גרעסער' ווי דער 'תמים'. ס'איז נישט גענוג צו קוקן דערויף, נאָר מ'דאַרף אַריינגיין דערין מיט אַלע רמ"ח איברים און שס"ה גידין אונטער דעם שאָטן פון אמונה, צו גלייבן אַז אַלעס וואָס פּאַסירט מיט איהם איז בהשגחה פרטית פון דעם אויבערשטען ברוך הוא. (ספר 'שיח שרפי קודש', פרשתינו)

**ה.** מוח"ז הרה"ק מזוטשקא זצ"ל ברענגט ('נחל יצחק', פ' קרח) אַ מעשה וואָס ער האָט געהערט פון זיין טאַטן, הרה"ק רבי איתמר מנאדבורנא זצ"ל. ער האָט דערציילט אַ מעשה וואָס ווערט געברענגט שוין אין די קדמונים, אַז ס'איז געווען אַ איד וואָס האָט שטאַרק געגליסט צו קענען 'שיחות חיות, בהמות ועופות'. ער האָט שטארק געבעטן פון זיין רבי'ן, ער זאָל איהם אויסלערנען די דאָזיגע חכמה. זיין רבי האָט איהם אָבער אַלץ אָפּגעשטופּט, זאָגנדיג, וואָס פעלט עס דיר אויס. ס'איז אַסאַך בעסער פאַר דיר, צו דינען דעם אויבערשטען בתמימות. ער האָט אָבער שטאַרק זיך איינגעבעטן ביים רבי'ן, ביז ער האָט איהם בלית ברירה אויסגעלערנט שיחות בהמות, חיות ועופות.

אין אַ געוויסן טאָג, איז ער געגאַנגען געבן צו עסן פאַר זיינע בהמות, און ער האָט געהערט איינעם פון די אָקסן קרעכצן, און ווען אַן אַנדערער אָקס האָט איהם געפרעגט פאַרוואָס ער קרעכצט, האָט ער געענטפערט, ווייל איך האָב געהערט אויסרופן אַז אין דער נאָנטער תקופה וועט אויסברעכן אַ מאַרד רח"ל ביי די בהמות פון אונזער בעה"ב, און דאָס האַרץ ווייטאָגט מיר אַז אַלע בהמות אין דעם שטאַל וועלן שטאַרבן. ווען דער איד האָט געהערט דעם שמועס צווישן די בהמות, האָט ער שנעל פאַרקויפט אַלע זיינע בהמות צום שוחט, און אַזוי האָט ער געראַטעוועט זיין געלט.

אַ חודש שפּעטער, ווען ער האָט אַמאָל געגעבן צו עסן פאַר די עופות, האָט ער געהערט ווי אַ הינדל דערציילט וועגן אַ פאַרפלייצונג וואָס וועט פאָרקומען אויף די פעלדער פונעם בעה"ב. האָט ער אויך דאָס מאָל פאַרקויפט אַלע זיינע פעלדער, זיך פרייענדיג מיט דעם וואָס ער האָט געראַטעוועט זיין פאַרמעגן פון אונטערגאַנג. יעצט איז ער געווען נאָך מער צופרידנהייט פון דעם פאַקט וואָס ער האָט פאַרשטאַנען צו בעטן זיין רבי'ן ער זאָל איהם אויסלערנען די שפּראַך פון די עופות, חיות און בהמות, און אַזוי האָט ער געראַטעוועט זיין פאַרמעגן.

אין אַ טאָג, ווען ער איז געגאַנגען צו דער אַרבעט, האָט ער געהערט ווי אַ 'בעל חי' זאָגט מיט ווייטאָג: ביז אַ קורצע צייט וועט אונזער בעה"ב שטאַרבן, ווייל ס'איז נגזר געוואָרן אויף איהם צו שטאַרבן פאַר די צייט רח"ל. הערנדיג די ווערטער, האָט ער זיך גאָר שטאַרק דערשראָקן, און ער איז געלאָפן צו זיין רבי'ן, וואָס האָט איהם אויסגעלערנט די חכמה צו פאַרשטיין די שפּראַך פון חיות, בהמות און עופות. מיט ביטערע טרערן האָט ער געבעטן דעם רבי'ן, ער זאָל איהם העלפן, ווייל ער האָט געהערט ווי אַ 'בעל חי' זאָגט אַז ער וועט בקרוב שטאַרבן רח"ל. האָט זיין רבי איהם געזאָגט:

- איך האָב דאָך דיך געוואָרנט דו זאָלסט זיך פירן מיט תמימות, ווייל 'יוסיף דעת, יוסיף מכאוב'. אויב דו וואָלט נישט געראַטעוועט דיין פאַרמעגן פון פאַרלוסט, וואָלסטו יעצט געקענט זיך ראַטעווען, ווייל דער צער פונעם געלט שאָדן וואָלט געווען פאַר דיר אַ כפרה, אַזוי ווי חז"ל זאָגן (תיקוני זוהר קמג:) 'אית מאן דפּרע בנפשו ואית מאן דפרע בממונו', און ווייל דו האָסט זיך געוואָלט איבערקליגן, צו ראַטעווען דיין פאַרמעגן, איז נגזר געוואָרן אויף דיר אַוועקצוגיין פון דער וועלט רח"ל.

שרייבט דער זוטשקער רבי ווייטער: זעהען מיר פון דעם ווי מ'דאַרף זיך אומגיין מיט דעם אויבערשטען מיט תמימות און בטחון, און זיך פרייען מיט דעם חלק וואָס דער אויבערשטער געבט, און ער זאָל נישט גליסטן צו האָבן וואָס יענער האָט. ער דאַרף וויסן קלאָר אַז אויב דער אויבערשטער האָט איהם נישט געגעבן מער ווי דאָס וואָס ער פאַרמאָגט, איז אַ סימן אַז עס איז נישט פאַר זיין טובה. ס'איז מעגליך אַז אויב ער וואָלט באַקומען כבוד און רייכטום, וואָלט ער געדאַרפט ליידן צוליב דעם שרעקליכע יסורים רח"ל אין געזונט אָדער ביי קינדער און דער אויבערשטער האָט מיט זיין גרויסן חסד פאַרמיטן פון איהם די אַלע צרות, עכ"ל.

פון אונזער זייט, ווילן מיר צוגעבן, אַז דאָס איז נישט געזאָגט געוואָרן דווקא לגבי 'שיחת בעלי חיים', נאָר אויך וועגן 'שיחת בני אדם'... דער מענטש הערט אַמאָל אַנדערע מענטשן זאָגן אַז זיי ווילן צונעמען פון איהם זיין געלט, אָדער ער הערט אַז ער וועט שאָדן האָבן געלט און ער טוט השתדלות'ן מער ווי דער

שיעור. ער לויפט צום בית דין, און דאַס גלייכן... דער אמת איז אָבער, אַז ס'איז מעגליך אַז אויב ער פאַרדינט דאָ, האָט ער שאָדן מער געלט ערגעץ אַנדערש. **ער דאַרף אַלעס אָננעמען מיט תמימות און מיט אמונה פשוטה, ווייל מען קען קיינמאָל נישט וויסן פון וואָס מען ווערט געראַטעוועט אַדאַנק דעם 'שאָדן'...** (אַוודאי קומען מיר דאָ נישט זאָגן מענטשן וואָס צו טוהן. יעדער דאַרף פרעגן ביי זיין רבי'ן וואָס צו טוהן. מיר ווילן דאָ נאָר דערמאַנען אַז מ'דאַרף קוקן אויף יעדע זאַך מיט אַן אויג פון אמונה, און דאַן איז אויך ווען מ'וועט גיין צום בית דין וכדומה, וועט עס זיין אויף גאַנץ אַן אַנדערן אופן).

**ו.** דער הייליגער רוזינער זי"ע האָט אַמאָל דערציילט אַ מעשה פון אַ איד אַ סוחר, אַן 'איש מורם מעם'.

ער האָט זייער מקפיד געווען נישט צו טוהן קיין שום האַנדל פאַר'ן דאַווענען, כאָטש דאס דאַווענען און די הכנות דערצו, האָבן איהם לאַנג געדויערט. אַמאָל איז דער סוחר 'געבליבן שטעקן' מיט אַ גרויסן קוואַנטום פעלצן, וואָס ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרקויפן. האָט דער אויבערשטער געהאָלפן, און דער גענעראַל האָט געשיקט אַ שליח צו קויפן ביי איהם די גאַנצע סחורה, פאַר די אַרמיי. דער סוחר האָט אָבער פונקט דעמאָלס געהאַלטן פאַר'ן דאַווענען, און וויבאַלד ער האָט פאַרשטאַנען אַז דער גוי וועט נישט פאַרשטיין וואָס ער זאָגט איהם אַז ער האַלט פאַר'ן דאַווענען און ער קען יעצט נישט רעדן מיט איהם וועגן קויפן די פעלצן, האָט ער איהם געזאָגט אַ פיל העכערן פרייז, און ווען דער גוי האָט מסכים געווען אויך צום העכערן פרייז, האָט ער נאָך אַמאָל געהעכערט, ביז דער גוי האָט איהם געזאָגט: איך זעה דאָך אַז דו ווילסט מיר נישט פאַרקויפן די פעלצן, און ער האָט פאַרלאָזט דאָס אָרט.

ווען דער רוזינער האָט געענדיגט דערציילן די מעשה, האָט ער זיך אָנגערופן צו זיינע חסידים: איך זעה אַז איר זענט אַלע שטיל. מסתמא, ווייל איר ווילט וויסן וואָס ס'איז געווען דער סוף מיט די סחורה... וויפיל געלט האָט דער איד פאַרדינט פון די פעלצן, אַדאַנק זיין מסירות נפש נישט צו רעדן 'ביזנעס' פאַר'ן דאַווענען... דער אמת איז אָבער, **אַז דער עיקר פונקט פון די מעשה איז, דאָס מסירות נפש וואָס דער איד האָט געהאַט נישט צו רעדן וועגן האַנדל פאַר'ן דאַווענען. אויב ער האָט נישט געהאַט קיין שום באַגער צו וויסן וואָס עס וועט זיין דער סוף, פאַרוואָס ווילט איר יאָ וויסן וואָס דער סוף איז געווען.** דאָס תמימות פון דעם איד איז אַ זאַך וואָס פאַרלאַנגט פון יעדן איינעם פון אונז, מיר זאָלן נישט וועלן וויסן וואָס מ'וועט פאַרדינען, און וואָס דער סוף וועט זיין.

ווי באַקאַנט, שטייט דאָס הויז פון הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, אויף רחוב ראַפּאַפּאָרט אין ירושלים. דער 'אַרכיטעקט' פונעם הויז איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי רבי שלמה'קע אַליין, און דאָס הויז האָבן געבויט זיין אייניקל, הרה"ק רבי מרדכי'לע זי"ע (דער שפעטערדיגער זוועהילער רב), און זיין רעביצין [וואס אויך זי איז געווען אַן אייניקל פון רבי שלמה'קע]. **דאָס הויז איז געבויט געוואָרן קעגן אַלע 'כללים' פון בוי ארבעט, אָן יסודות אין דער ערד... און וואונדער איבער וואונדער: דאָס הויז שטייט נאָך אַלץ ביז'ן היינטיגן טאָג...** רבי שלמה'קע האָט נישט אַריינגעשטעלט קיין פענצטער אינעם הויז, נאָר בלויז אינעם דאַך פונעם הויז. אויף די פראַגע פון זיין אייניקל פאַרוואָס ער וויל נישט אַריינשטעלן פענצטער אין די ווענט, נאָר אינעם דאַך, האָט רבי שלמה'קע געענטפערט, אַז דורכ'ן פענצטער אין דער וואַנט, זעהט מען נאָר ביז'ן קומענדיגן הויז, אָבער דורכ'ן פענצטער אינעם דאַך, קען מען זעהן ביז'ן הימל...

לדידן ייאמר, מיר דאַרפן איינוואָרצלען אין אונזערע הערצער, און אין די הערצער פון אונזערע בני בית, **אַז דער מענטש דאַרף אייביג אויפהייבן זיינע אויגן צום הימל, און נישט ווענדן זיך דאָ און דאָרט צו בעטן פון דעם אָדער פון יענעם ער זאָל איהם העלפן, נאָר מ'זאָל שטענדיג אַרויפקוקן צום הימל, און בעטן רחמים פונעם באַשעפער פון דער וועלט.**

הגה"צ רבי אליהו ליווערט זצ"ל, וועלכער איז געווען פון די מקורביםביים גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע, האָט דערציילט: זיינער אַ ידיד איז געווען זייער רייך. זיין פאַרמעגן איז געווען אויסגעשפרייט אויף מערערע ערטער, און אין אַסאַך פאַרמעגנס, ווייל אַסאַך דערפון איז באַשטאַנען פון הייזער, 'ריעל עסטעיט' און פעלדער, טייל דערפון איז באַשטאַנען פון אויל-קוואַלן און דאָס גלייכן.

אין אַ טאָג, האָט יענער עושר געזאָגט צו רבי אליהו'ן, דער אויבערשטער כביכול קען דאָך מיר נישט אָרים מאַכן פון אַלע מיינע פאַרמעגנס, ווייל איך האָב דאָך פאַרמעגנס אין פאַרשידענע ערטער, און פון

פאַרשידענע סאָרטן. אויב די ווערד פון מיינע הייזער וועט פאַלן, וועל איך דאָך נאָך האָבן געלט פון די אויל-קוואַלן, א.א.וו. רבי אליהו האָט איהם אָבער געוואָרענט ער זאָל נישט אַזוי רעדן, ווייל ס'איז דאָך אַ 'גלגל החוזר בעולם'. מ'קען זיין רייך היינט, און מאָרגן קען דאָס רעדל זיך איבערדרייען ח"ו. דער עושר האָט אָבער, מיט זיין שטאָלץ, איהם אָפּגעלאַכט.

דער דאָזיגער עושר, האָט אויך פאַרמאָגט אַ בריק וואָס איז געפאָרן איבער אַ טייך. אלע דורכפאָרער האָבן געדאַרפט באַצאָלן שטייער ('טאָול') כדי אַריבערצופאָרן דורך די בריק, און פון דעם איז דער רייכער איד געוואָרן יעדן טאָג נאָך רייכער און רייכער. די בריק האָט אָבער נאָר געקענט האַלטן אַ געוויסע צאָל וועגענער אויף איינמאָל.

אַמאָל זענען דאָרט אַדורכגעפאָרן סאָלדאַטן פון דעם רוסישן צאַר ניקאָלאַי ימ"ש, וועלכע האָבן נישט אַכטונג געגעבן און זענען געפאָרן אויפ'ן בריק אין די מאַסן. ממילא, איז דער בריק אַראָפּגעפאַלן אין וואַסער, און אַסאַך סאָלדאַטן פונעם צאַר ניקאָלאַי זענען אַריינגעפאַלן אינעם טייך און זענען דערטרינקען געוואָרן צום טויט. דער רייכער איד האָט געוואוסט אַז באַלד וועלן קומען די שליחים פונעם צאַר און איהם אַרעסטירן פאַר'ן בויען אַזאַ שוואַכע בריק, איז ער שנעל אַהיימגעלאָפן און אָנגעפילט אַ גרויסן זאַק מיט צענדליגער טויזנטער געלט-באַנקנאָטן, און איז אַנטלאָפן פון לאַנד.

ווען ער איז שוין געווען גענוג ווייט אויף יענער זייט פון דער גרעניץ, און זיך געשפּירט גענוג רואיג פונעם געפאַר, האָט ער געעפענט דעם זאַק וואָס ער האָט מיטגענומען כדי איבערצוציילן וויפיל געלט ער האָט דאָרט אינעם זאַק. ווי דערציטערט איז ער געוואָרן ביים זעהן אַז אנשטאט געלט-באַנקנאָטן, האָט ער אין איילעניש מיטגענומען מיט זיך סתם צעטלעך, ווייל אין זיין איילעניש צו אַנטלויפן, האָט ער נישט אין אַכט גענומען וואָס ער לייגט אַריין אינעם זאַק...

אַ צייט שפּעטער, ווען דער עושר האָט באַגעגענט רבי אליהו ליוועדט, האָט ער איהם דערציילט די גאַנצע מעשה, און אויסגעפירט מיט טרערן אין די אויגן: ווי גערעכט ביזטו געווען, רבי אליהו, אַז איך האָב געדאַרפט געדענקען ווען איך בין געווען רייך, אַז מיין גאַנצער רייכטום איז נאָר פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, און איך דאַרף אייביג אָנקומען צו זיין חסד, ער זאָל כסדר משפיע זיין אויף מיר פון זיין גוטס.

ענליך דערציילט מען, אַ געוויסער עושר וואָס האָט געהאַט פאַרמעגנס אויף אַלע עקן וועלט, האָט אויך געפרעגט די זעלבע נאַרישע שאַלה, ווי אַזוי קען דער אויבערשטער אַוועקנעמען ביי מיר אויף איינמאָל מיין גאַנצן פאַרמעגן? האָט עמיצער איהם געענטפערט: דער אויבערשטער דאַרף נישט דווקא אַוועקנעמען **די פאַרמעגנס פון דיר**, ער קען **דיך 'אַוועקנעמען' חלילה פון דיינע פאַרמעגנס...**

אַ איד האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן פאַר זיין רבי'ן, אַז ער שפּירט אַ 'וואַנט' אין זיין האַרץ, און ער קען נישט מכוון זיין אַפילו ביי אַ קליינעם טייל פון דאַווענען. וויפיל ער פּרובירט זיך מתבונן צו זיין אין די ווערטער ביים דאַווענען, שפּירט ער נישט אַפילו אַ טראָפּן פונעם 'הגיון לבי', וואָס אַ איד דאַרף צו שפּירן ביים דאַווענען. האָט דער רבי איהם געזאָגט:

- דו האָסט מיך דערמאנט אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט דאָ ביי מיר אין צימער פאָריגע וואָך. אַ פרוי, אַן אלמנה ל"ע, איז אַריינגעקומען און זיך אויסגעוויינט פאַר מיר איר ביטער האַרץ, אַז איר איינציגער זון, וואָס איז געבוירן געוואָרן ביי איר 15 יאָר נאָך דער חתונה, איז אויפגעוואַקסן בעזהי"ת, און דריי חדשים צוריק, האָט זי איהם געשיקט לערנען אין אַ ישיבה גדולה אין אַ ווייטע שטאָט, באַגלייטענדיג איהם אויפ'ן גרעסטן טייל פונעם וועג, און זי האָט זיך געזעגנט מיט איהם מיט גרויס בענקעניש און מיט טרערן אין די אויגן. אין אָנהייב, האָט דער בחור נאָך טעלעפאָנירט צו זיין מאַמע דריי מאָל אַ טאָג, דערציילנדיג איר אַלעס וואָס עס קומט פאָר אין ישיבה.

- מיט דער צייט, אָבער, זענען זיינע טעלעפאָנישע רופן געוואָרן ווייניגער און ווייניגער, און יעצט, טעלעפאָנירט ער שוין נאָר איין מאָל אַ וואָך, פרייטאָג פאַר'ן זמן, און ער רעדט מיט איר קורצע ווערטער, מיט אַ 'גוט שבת', און ביז אַ וואָך שפּעטער פרייטאָג שפּעט נאָכמיטאָג, הערט זי בכלל נישט פון איהם... האָב איך איר געזאָגט, אין אָנהייב, ווען ער איז אָנגעקומען אין ישיבה, האָט ער נאָך נישט געקענט קיינעם פון די בחורים דאָרט, און ממילא האָט ער זיך געשפּירט 'אָפּגעריסן' און זיך געדאַרפט אויסגיסן פאַר דיר

אלא כל מה שיבוא עליך קבל בתמימות[ז], ואז תהיה עמו ולחלקו'.

**דער פסוק** איז אַ יסוד גדול פאַר יעדעם איינעם אויפ'ן לעבן, לעבן מיט אמונה פשוטה, אָן חקירות ודרישות, און אַזוי זאָגט די גמרא (מכות כד.) 'בא חבקוק והעמידן על אחת, שנאמר וצדיק באמונתו יחיה' - לעבן מיט אמונה איז דער עיקר פון א איד!

**צוליב** דעם זאָגט רש"י צוויי מאָל דאָס וואָרט 'בתמימות'[ח], ווייל דאָס איז דער עיקר יסוד פון גאַנצן מענטש[ט].

---

דאָס האַרץ, און דו ביזט טאַקע געווען זיין חיזוק און טרייסט... אָבער מיט דער צייט האָט ער - ווי עס ווייזט אויס - באַקומען נייע חברים אין ישיבה, און ער שפּירט אַ סאַטיספאַקציע פון זיינע געשפּרעכן מיט די חברים, דאַרפסטו זיין צופרידן אַז ער טעלעפאָנירט צו דיר נאָר איינמאָל אַ וואָך, ווייל דאָס ווייזט אַז ער איז אַ 'מעורב בין הבריות'...

און דער רבי האָט אויסגעפירט זיין 'מעשה' צו דעם איד:

- דאָס זעלבע איז מיט דיר. אויב דו וואָלסט געוואוסט און געשפּירט אַז דיין גאַנצע פרנסה איז אָנגעוויזן אויף דעם אויבערשטען ברוך הוא, און **נאָר** ער איז דער וואָס געבט דיר דיין פרנסה, איז ווען דו שטעלסט זיך דאַווענען פאַר איהם וואָלסטו זיך אַראָפּגערעדט פאַר איהם אַלעס וואָס ליגט דיר אויפ'ן האַרץ, און אַזוי וואָלסטו זיך באַרואיגט מיט די הייליגע ווערטער פונעם דאַווענען, אָבער וויבאַלד דו האָסט זיך געטראָפן אַנדערע 'חברים', דאָס זענען די 'געשעפטן' וואָס דו פאַרלאָזט זיך אויף זיי, און אין דיינע געדאַנקען, טוסטו אויפבויען גאַנצע 'בניינים' וועגן די 'ביזנעס', נאָך איידער דו שטעלט זיך דאַווענען, קומט אויס אַז בשעת'ן דאַווענען ביזטו שוין 'זאַט' פון אַנדערע געדאַנקען וועגן פרנסה און אַנדערע געשעפטן... ממילא, וואָס פאַר אַ טעם קענסטו שוין שפּירן אין דאַווענען, נאָך דעם ווי דו האָסט שוין גערעדט מיט דיינע 'ידידים' כהנה וכהנה...

אַ גדול האָט געזאָגט בדרך מליצה אויף די ווערטער וואָס מיר זאָגן (אין 'עלינו לשבח'), 'אמת מלכנו, אפס זולתו'. אַוודאי ווייסט יעדער איינער אַז '**אמת מלכינו**', אָבער יעדער איינער פרעגט, 'וואו בין איך אינעם בילד'... ענטפערט מען איהם: '**אפס זולתו**' דו ביזט בכלל נישט אינעם בילד... אַלעס טוט נאָר דער אויבערשטער אַליין...

**ז.** דער סקווערער רבי הרה"ק רבי יעקב יוסף זי"ע האָט געזאָגט, אַז רש"י פירט זיך שטענדיג צו זאָגן בקיצור, קורצע ווערטער, און דאָ, אויף דעם פסוק 'תמים תהיה', האָט רש"י מאריך געווען, און דער סיבה איז, ווייל רש"י האט געוואלט אַרויסברענגען די גרויסקייט פון תמימות, אונז צו לערנען אַז **מען דאַרף אייביג חזר'ן דעם פסוק 'תמים תהיה עם ה' אלוקיך', ביז די ווערטער וועלן גוט אַריינדרינגען אין האַרץ**.

(געברענגט אין 'שיח זקנים', ח"א, עמוד ע)

### מן הבאר

דער הייליגער אַפּטער רב זי"ע, בעל 'אוהב ישראל', האָט געזאָגט: דער וואָס נעמט אָן דעם אויבערשטען 'אַזוי ווי ער איז' כביכול, טוט דער אויבערשטער איהם אויך אָננעמען 'אַזוי ווי ער איז'. דאָס הייסט, דער מענטש וואָס טוט נישט נאָכקלערן ח"ו נאָך דעם אויבערשטען פאַרוואָס ער האָט געטוהן מיט איהם אַזוי און אַזוי, טוט דער אויבערשטער איהם אויך נישט צופיל נאָכקוקן...

**ח.** די אמונה דאַרף זיין בשלימות, ווי דער חיד"א זי"ע טייטשט אין ספר 'נחל קדומים', דעם פסוק 'תמים תהיה עם ה' אלוקיך', אַז די כוונה פון פסוק איז, דער מענטש טאָר נישט נאָכקלערן **אַפילו אין האַרץ**, נאָך דעם אויבערשטען'ס מידות. דאָס זאָגט דער פסוק: 'תמים תהיה עם ה' אלוקיך', **אַפילו בהרהור, מיט אַ מחשבה, וואָס דאָס ווייסט נישט קיינער, נאָר דער אויבערשטער אַליין, אויך ביי דעם - 'תמים תהיה'**, ווייל דער אויבערשטער איז דער 'בוחן לב' און 'חוקר כליות'.

הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט, אַז באמת, אויך ביי די פרה אדומה געפינען מיר אַז עס שטייט ביי איר 'תמימה'. עס ווערט אָבער פסול נאָר ביי צוויי שוואַרצע האָר. אָבער ביי אמונה, זאָגט מען 'תמים תהיה', עס זאָל זיין גאַנץ, און אַפילו איין 'האָר' פסל'ט אויך...

דער חילוק איז נאָר, אַז ביי פרה אדומה, אויב אירע האָר זענען שוואַרץ געוואָרן, קען מען איר מער נישט ניצן, אָבער אַ איד וואָס ס'איז **חלילה שוואַרץ געוואָרן ביי איהם די אמונה, אַפילו מיט אַ סאַך האָר, קען ער אייביג תשובה טוהן און זיך שטאַרקן מיט אמונה.**

**ט.** ווען דער מענטש געדענקט אַז דער אויבערשטער טוט אַלעס אויף דער וועלט, איז ער דאָך אייביג גליקליך און צופרידן.

הרה"ק רבי מאָטיל סלאָנימער זי"ע האָט דערציילט אַז הרה"ק רבי משה לייב מסאסוב זי"ע איז אַמאָל וואַנטער געגאַנגען מיט הרה"ק רבי ישראל מפיקוב זי"ע (אַ זון פון הייליגן קדושת לוי זי"ע) שאַפן געלט פאַר 'פדיון שבוים'. אינדרויסן איז געווען גאָר קאַלט, און אויפ'ן וועג זענען זיי אָנגעקומען אין אַ קליין דערפל, וואו אַ איד האָט זיי אַריינגענומען אין הויז פאַר אַ 'לינת לילה'. ער האָט זיי צוגעשטעלט אַ קליין צימערל, וואו דער דאַך איז געווען געשפּאָלטן און האָט געהאַלטן ביים איינפאַלן. ווען זיי האָבן אָנגעהייצט דעם אויוון, זענען אַראָפּגעפאַלן שטיקלעך אייז פונעם דאַך אויף די בעטן. האָט רבי ישראל פיקובער אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ, ווייל ער איז נישט געווען געוואוינט צו אַזעלכע שווערע אומשטענדן. וועלנדיג שטאַרקן זיין מוט, האָט הרה"ק רבי משה לייב איהם געזאָגט אַז ער האָט **דרייצן** סיבות פאַרוואָס צו זיין פריילעך:

**א.** זיין רעכטע האַנט טוט איהם נישט וויי, ממילא, קען ער זיך לייגן אויף דער רעכטער זייט. שטעל זיך פאָר, אויב די רעכטע האַנט וואָלט דיר וויי געטוהן, וואָלסטו זיך נישט געקענט לייגן אויף דער רעכטער זייט...

**ב.** געלויבט איז דער אויבערשטער, אַז אויך די לינקע זייט טוט דיר נישט וויי, און דו קענסט ליגן אויף אויף דער לינקער זייט...

**ג.** אויך די פּלייצע טוט דיר נישט וויי... און אַזוי האָט רבי משה לייב איהם אויסגערעכנט דרייצן גוטע זאַכן וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט איהם אין דעם מצב אין וועלכן ער געפינט זיך יעצט, און אַזוי האָבן זיי זיך געפרייט און מחזק געווען, דאַנקענדיג דעם באַשעפער פאַר די חסדים וואָס ער טוט מיט זיי, ביז זיי זענען ביידע אַרויס אין אַ טענצל... (געברענגט אין ספר 'מאמר מרדכי', ח"ב)

ס'איז באַקאַנט וואָס אַ געוויסער חכם האָט געזאָגט, מענטשן זענען צוגעטיילט, ווייל זיי שטעלן זיך פאָר אַז נאָר אַ 'האַלבער גלאָז' איז פול מיט שפע און אַלעם גוטן. זיי וויינען אויף דעם וואָס די צווייטע העלפט פונעם גלאָז איז נאָך ליידיג.

הגאון רבי יאַנקעלע גאַלינסקי זצ"ל (וועלכער איז פיזיש געווען נידריג אין וואוקס) פלעגט זאָגן וועגן זיך, אַז ער איז אייביג צופרידן און פריילעך, ווייל ער איז נידריג, און ממילא, זעהט ער נאָר די האַלבע פולע זייט פונעם גלאָז (וואָס איז אינעם אונטערשטען טייל, און אויך נידעריגע מענטשן קענען עס זעהן...).

אויף דעם האָט צוגעגעבן הגה"צ רבי צבי מאיר זילבערבערג שליט"א, אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן נישט נאָר וועגן איינעם וואָס איז **'נידריג אין וואוקס'**, אַז ער פאַרדינט מיט דעם וואָס ער זעהט דעם האַלבן פולן טייל פונעם גלאָז, נאָר אויך איינער וואָס איז **'נידעריג' ביי זיך**, דאָס מיינט, ער מיינט אַז עס קומט איהם גאָרנישט, פאַרדינט ער דערביי, ווייל ער פאַרשטייט אַז אויך דאָס וואָס ער האָט באַקומען איז נישט מער ווי אַן אומזיסטע מתנה פון הימל. אַזאַ איינער דאַנקט דעם אויבערשטען פאַר אַלעם וואָס מ'גיט איהם פון הימל. ער האָט קיינמאָל נישט קיין טענות חלילה פאַרוואָס ער האָט נישט באַקומען דאָס און יענץ, ווייל ער האַלט באמת נישט אַז דער אויבערשטער קומט איהם עפּעס. (דער אַרויסגעבער פונעם גליון 'מתוקים מדבש', וואָס 'כשמו כן הוא', דערציילט, אַז ער האָט אַמאָל גערעדט מיט זיין קאר דעם גאון רבי יאַנקעלע גאלינסקי זצ"ל, און ער האָט איהם איבערגעזאָגט דאָס דערמאנטע וואָרט פון רבי צבי מאיר, און רבי יאַנקעלע האָט געשמייכלט ביים הערן דאָס וואָרט, ווייל ס'איז איהם זייער געפעלן...).

דאָס איז ספּעציעל גילטיג פאַר די יעצטיגע ימי תשובה, אין חודש אלול. ווען דער מענטש הייבט אָן טוהן תשובה שלימה, איז ער אָפט מאָל צובראָכן ביי זיך. באמת דאַרף מען אָבער וויסן, אַז **אַזאַ צובראָכנקייט ווייזט אַז ער האָט נישט געמאַכט אַ ריכטיגן חשבון, ווייל לויט דעם ריכטיגן חשבון, דאַרף דער מענטש קומען צו די אנערקענונג אַז ער איז נישט ווערד אַלע חסדים וואָס דער באַשעפער טוט מיט איהם, און אַלעס וואָס מ'גיט איהם פון הימל איז אַן אומזיסטע מתנה. יעדער אָטעם, און אַלעס וואָס ער האָט, ברוך השם, בני חיי ומזוני, איז פון דעם אויבערשטען'ס חסד. ממילא, איז ער אייביג פול מיט פרייד, און ער דאַנקט אויף אַלעמען דעם גרויסן באַשעפער ברוך הוא.**

עס ווערט דערציילט, אַז מ'האָט אַמאָל געזעהן דעם הייליגן רבי'ן ר' זושא זי"ע פון האַניפּאָלי, ווי ער טאַנצט מיט גרויס התלהבות, זיך אויפהייבנדיג אַ טפח העכער פון דער ערד. אויף די פראַגע, 'ילמדינו רבינו, לשמחה מה

די מעלה און חשיבות פון תמימות קען מען זעהן פון די ווערטער פונעם רבינו בחיי אין דער היינטיגער פרשה (ד"ה 'כי תועבת'), וואס ער טייטשט דעם פסוק 'תמים תהיה עם ה' אלוקיך', אז דאס קומט אונז לערנען, אויב דו וועסט זיין א 'תמים', וועסטו זיין 'עם ה' אלוקיך', אזוי ווי דער פסוק זאגט וועגן משה רבינו ע"ה (שמות לד, כח) 'ויהי שם עם ה'', און אז דער מענטש איז זוכה צו זיין מיט דעם אויבערשטען, שיינט אויף איהם אן אור פון הימל, אזוי ווי דער פסוק זאגט (דניאל ב, כב) 'ונהורא עמיה שרא'.

**אזוי** זאגט דוד המלך ע"ה (תהלים מא, יג) 'ואני בתומי תמכת בי ותציבני לפניך לעולם'. דורך די תמימות שטייט דער מענטש אייביג פאר דעם אויבערשטען כביכול.

**אזוי** טייטשט אויך דער 'רוקח', און ער איז מוסיף א מורא'דיגע זאך, אז צוליב דעם טעם זאגן חז"ל (ב"ר פס"ח, יב) אז דאס געשטאלט פון יעקב אבינו ע"ה איז אויסגעקריצט אויפ'ן כסא הכבוד, ווייל יעקב אבינו איז דאך געווען אן 'איש תם' (ויעקב איש תם יושב אהלים), און וועגן דעם האט ער זוכה געווען צו זיין 'עם ה' אלוקיך' - צו זיין איינגעקריצט אויפ'ן כסא הכבוד, און א רמז דערצו קען מען זעהן פון דעם פסוק ביי די 'מעשה מרכבה' וואס דער נביא יחזקאל האט געזעהן אין זיין נבואה (יחזקאל א, י) 'ודמו'ת פניה'ם פנ'י אד'ם איז סופי תיבות תמי"ם.

### קול דודי דופק - דער קעניג דרייט זיך צווישן אונז, מ'קען גרינג צוגיין

**די** קדמונים זאגן ('אבודרהם', תפילת ראש השנה, מהר"ח אור זרוע, סי' לב) אויף דעם ווארט 'אלול', אז עס איז ראשי תיבות א'ני ל'דודי ו'דודי ל'י, ווייל אין דעם חודש ווערט אנטפלעקט די גרויסע ליבשאפט פון דעם אויבערשטען ברוך הוא צו זיינע ליבע אידישע קינדער'.

**אזוי** זאגט דער אריז"ל ('שער הפסוקים', שיר השירים) אויפ'ן פסוק (שה"ש ו, ג) 'אני לדודי ודודי לי' איז ראשי תיבות אלו"ל, מרמז צו זיין אז אין חודש אלול, ווערט דער אויבערשטער איבערגעבעטן מיט די אידן, און ער ווערט פאר זיי אזוי ווי א 'פעטער'[א], זיי צו דערנענטערן

---

זו עושה'... האט דער רבי ר' זושא געענטפערט, אז ער האט זיך ארומגעקוקט און ער האט געזעהן אז ער איז אפילו נישט ווערד צו באטרעטן די ערד אויף וועלכע ער שטייט, ווייל מיט וואס האט ער פארדינט צו קענען טרעטן אויף די ערד...

פון דעם האט הגה"צ רבי זלמן ברייזל זצ"ל, מזקני חסידי קארלין אין ירושלים, ארויסגעלערנט, אז פון דעם זעהט מען אז **וואס ווייניגער ראוי דער מענטש איז, דארף ער נאך מער שפרינגען פאר שמחה יעדע מינוט פונעם טאג.** ווייל ווי געזאגט, דער חשבון וואס דער מענטש מאכט זיך אז ער האט נישט גענוג געטוהן, איז ווערד ער זאל ווערן בשמחה דערפון, אנערקענענדיג אז יעדעס ביסל וואס ער האט יא איז א מתנת חינם פון באשעפער, און ער דארף זיך פרייען דערמיט.

**י.** הרה"ק בעל 'אמרי חיים' זי"ע האט נאכגעזאגט אז דער הייליגער רבי ר' שמעלקא זי"ע פון ניקלשבורג האט געזאגט, אז ער וויל נישט אוועקגיין פון דער וועלט ווייל **אויף יענער וועלט איז נישט דא א חודש אלול, און וואס פארא פנים האט א לעבן אן חודש אלול...** (ספר 'שרפי קודש', סיפורים שסיפר האמרי חיים, ע' רעא)

מ'קען עס אפשר מער מסביר זיין, ווייל די 'ימי הדין' - ראש השנה און יום כיפור, איז שייך אויך אין די עולמות העליונים, ווי די ספרים הקדושים שרייבן, אז דעמאלס טוט מען משפט'ן אויך די נשמות אויפ'ן עולם העליון, און דאס איז מרומז אין די ווערטער פון י חז"ל 'ספרי חיים וספרי **מתים** פתוחים לפניו', און אלע מענטשן פון דער וועלט גייען אריבער פאר דעם מלך המשפט 'כבני מרון', **אבער די ליבשאפט און נאנטקייט וואס איז דא אין חודש אלול, די גרויסע סייעתא דשמיא וואס ווערט נשפע אויף די וואס ווילן דעמאלס תשובה טוהן, דאס איז נישט דא אין די עולמות העליונים**, צוליב דעם האט דער רבי ר' שמעלקא געוואלט בלייבן אויף דער וועלט, כדי זוכה צו זיין צו 'ודודי לי'...

**יא.** פון א חשוב'ן איד, האבן מיר געהערט דעם פאלגענדן משל: אויב א קינד וועט בעטן פון זיין טאטן א זיסקייט, ווי א 'קענדי' וכדומה, ווען ס'איז די צייט צו עסן פרישטאג, וועט זיין טאטע עס איהם אוודאי נישט געבן, ווייל יעצט איז די צייט צו עסן פרישטאג, וואס באשטייט פון מאכלים וואס זענען געזונט פאר'ן קערפער. אבער

צו תשובה'[יב], און ער איז נאָענט צו די וואָס רופן צו איהם אין דעם חודש, עכ"ל.

**ענליבע** ווערטער שרייבט זיין תלמיד, הגה"ק רבי חיים וויטאַל זי"ע ('עץ הדעת טוב', ד"ה 'או ירמוז'), **אַז** אין דעם חודש, וועט דער אויבערשטער **אַ 'ידיד ואוהב'**, **אַ** גוטער פריינט פון דער וואָס טוט דעמאָלס תשובה.

**די** פילע רחמים וואָס זענען דאָ אין דעם חודש'[יג], קען מען זעהן פון דעם וואָס דער הייליגער בעל התניא זי"ע וואונדערט זיך ('ליקוטי תורה', פ' ראה, ד"ה 'אני לדודי'), וויבאַלד אין די טעג פון חודש אלול איז דאָ אַ התגלות פון די י"ג מידות של רחמים'[יד] (אויך אין די וואָכן-טעג), אַזוי ווי אין די שבתים און ימים טובים אַ גאַנץ יאָר, אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט מען נישט מתקן געווען צו פראַווען דעם גאַנצן חודש אַזוי ווי אַ יום טוב?

**ענטפערט** דער בעל התניא זי"ע, מיט אַ משל, אַ גרויסער קעניג האָט באַשטימט אַ צייט ווען ער וועט פאַרלאָזן זיין פאַלאַץ און באַזוכן אין שטאָט צווישן דער באַפעלקערונג. אַזוי לאַנג ווי דער קעניג איז אונטערוועגנס, קען יעדער איינער אַרויסגיין איהם מקבל

---

אויב דאָס קינד וועט בעטן אַ זיסקייט פון זיין פעטער - אפילו אויב ס'איז דעמאָלס די צייט צו עסן פרישטאָג - וועט דער פעטער איהם נישט אָנשרייען, נאָר ער וועט איהם געבן אַלעס וואָס ער בעט, ווייל **אַזוי איז די נאַטור פון אַ 'פעטער', אַז ער געבט און געבט, און ער מאַכט נישט אַ חשבון אויב דער קליינער פאַרדינט עס טאַקע,** אָדער צי ס'איז די צייט דערפאַר...

דער נמשל איז, אין חודש אלול איז דער אויבערשטער ברוך הוא אַזוי ווי אַ 'פעטער' צו יעדן איד, און ער איז משפיע אויף אונז אַסאַך שפע, אַלעס וואָס מיר בעטן דעמאָלס פון איהם.

**יב.** דער 'אגרא דכלה' זאָגט (פ' וארא, ד"ה 'ולקחתי') **'ו'לקחתי א'תכם ל'י ל'עם** איז ראשי תיבות אלו"ל. דאָס איז אַ רמז, אַז אין חודש אלול נעמט דער אויבערשטער די אידן און באַשטימט זיי אַלס זיין פאָלק, דורך די תשובה צו וועלכע אידן ווערן נתעורר אין דעם חודש.

## מן הבאר

מ'קען צולייגן בדרך צחות, כאָטש ס'איז מעגליך אַז אין דעם **'אני לדודי'**, איז ליידער דאָ אַ 'ירידת הדורות' (די התעוררות וואָס מ'האָט געזעהן ביי אידן אין די פריערדיגע דורות אין חודש אלול, איז געווען פילפאַכיג מער ווי היינטיגע צייטן), אָבער אין דעם **'ודודי לי'**, איז נישט דאָ קיין 'ירידת הדורות' - 'אני ה' לא שניתי', דער אויבערשטער האָט זיך נישט געטוישט ח"ו. **די זעלבע אהבה וואָס דער אויבערשטער האָט געהאַט צו אידישע קינדער אין די פריערדיגע דורות, ווערט ווידער נתעורר און עס שיינט אויך אין אונזערע היינטיגע צייטן.**

**יג.** דער ווילנער גאון זצ"ל שרייבט (סוד החדשים שבסוף הליקוטים בספר יצירה), **'חודש אלול כולו רחמים'**. חודש אלול, איז בלויז רחמים.

האָבן מיר געהערט אַ שיינעם פשט אויף די ווערטער פון דעם ווילנער גאון, חז"ל זאָגן (ב"ר פי"ב, טו, געברענגט אין רש"י בראשית א, א) אַז ביי בריאת העולם, האָט דער אויבערשטער פריער געוואָלט באַשאַפן די וועלט מיט די מדה פון דין, אָבער ווען ער האָט געזעהן אַז די וועלט קען נישט האָבן אַ קיום נאָר מיט מדת הדין, האָט ער געפעדערט די מדה פון רחמים, און עס צוזאַמענגעפאָרט מיט די מדה פון דין. קומט אויס, אַז די וועלט האָט אַ קיום נאָר דורך דעם וואָס דער אויבערשטער האָט צוזאַמענגעשטעלט דין מיט רחמים.

דאָס איז אָבער נאָר געזאָגט געוואָרן וועגן אַלע אַנדערע טעג פונעם יאָר. אָבער **חודש אלול איז בלויז רחמים. ס'איז נישט דאָ דעמאָלס קיין שיתוף פון מדת הדין און מדת הרחמים.** דער אויבערשטער פירט דעמאָלס די וועלט מיט אַ הנהגה פון בלויז רחמים.

**יד.** עס איז באַקאַנט וואס דער אריז"ל שרייבט ('שער המצוות', פ' ואתחנן), אַז אַ גאַנץ יאָר איז מען מקפיד נישט צו זאָגן ביינאַכט 'מקרא' (פסוקים פון תנ"ך). אין דעם איז אויך אַריינגערעכנט דער ספר תהלים, אַז מ'זאָגט עס נישט ביינאַכט. הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע האָט אָבער געזאָגט ('אמרי פנחס החדש', חודש אלול, אות תכז), **אַז אין די נעכט פון חודש אלול, מעג מען יאָ זאָגן תהלים.**

פנים זיין, און ער נעמט אויף יעדן איינעם בסבר פנים יפות, אַרויסווייזנדיג אַ פריינטליך פנים צו אַלעמען. אָבער דערנאָך, ווען דער קעניג קומט צוריק אין זיין פּאַלאַץ, פאַרמאַכט מען די טויערן, און דאַן האָט שוין נישט יעדער איינער רשות אַריינצוקומען אינוויינג, און אויפנעמען דעם קעניג, נאָר די גאָר חשוב'ע שרים, און אויך זיי, קענען נישט אַריינקומען אָן צו באַשטימען אַ צייט און באַקומענדיג ערלויבעניש פריער.

**דאָס** איז די בחינה פון חודש אלול, ווען מיר גייען אַרויס מקבל פנים זיי דעם באַשעפער כביכול אויפ'ן 'פעלד', אין אַ צייט ווען ער האָט זיך נאָך נישט אַוועקגעזעצט אויף די שטוהל פון דין, און יעדער איינער איז אימשטאַנד צו פּועל'ן ביי איהם אַלעם וואָס ער דאַרף האָבן.

**עס** שטייט אין ספה"ק 'פנים יפות' (פ' אחרי, באמצע ד"ה 'ביד איש עתי'), חז"ל זאָגן (ר"ה יח.) אויפ'ן פסוק (ישעיה נה, ו) 'דרשו ה' בהמצאו', אַז דאָס גייט אַרויף אויף די צען טעג צווישן ראש השנה און יום כיפור. עס איז אָבער דאָ אַ זמן וואָס איז נאָך העכער, דאָס איז חודש אלול, וואָס אויף דעם איז דער נביא מרמז (דאָרט) 'קראוהו בהיותו קרוב', און דער מהות פון די 'קירבה' איז גרעסער ווי דער מהות פון 'המצאו'.

**אַזוי** זאָגט אויך דער ילקוט (הושע יד) אויפ'ן פסוק 'שובה ישראל עד ה' אלוקיך' - 'עד שהוא ברחמים', דו זאָלסט תשובה טוהן צו דעם אויבערשטען, אַזוי לאַנג ווי ער פירט זיך מיט רחמים. זאָגט אויף דעם דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע (דרשות חתם סופר', דרוש לפרשת נצבים שנת תקצ"ה), אַז דאָס גייט אַרויף אויף די טעג פון חודש אלול, איידער עס קומען אָן די טעג פון דין.

**און** מ'דאַרף וויסן, אַז אין די יעצטיגע טעג ווערט די תשובה נאָך בעסער אָנגענומען אין הימל, און דער מענטש וואָס איז מקיים ביי זיך דעם פסוק 'ומלתם את ערלת לבבכם', איז זוכה אַז דער אויבערשטער זאָל צוענדיגן פאַר איהם די תשובה, ווי עס שרייבט דער 'בעל הטורים' (פ' נצבים, ד"ה 'את לבבך'), אויפ'ן פסוק (דברים ל, ו) 'ומל ה' אלוקיך את לבבך ואת לבב זרעך'[טו], אלו"ל איז ראשי תיבות א'ת ל'בבך ו'את ל'בב, ווייל דעמאָלט טוט דער אויבערשטער מל'ען די הערצער פון אידישע קינדער, צו תשובה און תיקון המעשים.

### ודודי לי - לאמיר נישט פאַרפאַסן דעם 'עת רצון'

**'ודברו** השוטרים אל העם לאמר, מי האיש אשר בנה בית ולא חנכו ילך וישוב לביתו פן ימות במלחמה ואיש אחר יחנכנו' (כ, ה). זאָגט רש"י: 'ודבר של עגמת נפש הוא זה'. דאָס איז אַ זאַך וואָס איז גורם עגמת נפש (אויב דער מאַן וועט חלילה שטאַרבן אין די מלחמה און אַ צווייטער וועט באַניין זיין הויז).

**דאַרף** מען פאַרשטיין, צי דען איז דאָס דער הויפט חסרון, אַז עס וועט גורם זיין אַן 'עגמת נפש', און וואָס האָט רש"י דאָ געדאַרפט צולייגן צו די עצם ווערטער פונעם פסוק, וואָס זענען זייער פשוט?

**איז** דער תירוץ, אַז רש"י קומט זאָגן, באמת, דאָס עצם שטאַרבן אין אַ 'מלחמת מצוה' איז אַ גרויסע מעלה פאַר אַ איד, צו האָבן מסירות נפש אויף קידוש השם, אַזוי ווי דער 'מגיד' (דער מלאך) האָט געזאָגט צום היילגן 'בית יוסף' ז"ל: 'אויב דו וועסט האָבן די זכיה, וועסטו אומקומען אויף קידוש השם'. קיין באַשעפעניש קען נישט שטיין אין די מחיצה פון די 'הרוגי מלכות', נאָר די תורה האָט געהאַט אַ חשש אויב אין דער העכסטער צייט פון אַ איד'ס לעבן אויף דער וועלט, די לעצטע מינוטן פון לעבן, ווען ער האַלט ביי מסירות נפש צוריקצוגעבן זיין נשמה היילגערהייט צו איר באַשעפער, וועט ער מעגליך טראַכטן וועגן דעם הויז

---

קען מען זאָגן אַ טעם דערפאַר פאַרוואָס חודש אלול קען מען זאָגן תהלים ביינאַכט, ווייל דער טעם פאַרוואָס מ'איז מקפיד נישט צו זאָגן תהלים ביינאַכט איז צוליב דעם וואָס ביינאַכט זענען שורה דינים ח"ו, אָבער חודש אלול איז דאָך נאָר רחמים ורצון.

**טו.** דער 'ייטב פנים' (מאמר שירת דודי, אות יט) זאָגט, אַז דער מענטש וואָס מל'עט זיין 'ערלת הלב', און ער טוט באמת תשובה אויף זיינע חטאים, ווערט ביי איהם מקוים אויך אַן אַנדערע 'ראשי תיבות' פון אלו"ל: א'הוב ל'מעלה ו'נחמד ל'מטה. אויב ער מל'עט נישט זיין 'ערלת הלב', נאָר ער איז מקיים הכבדתי א'ת ל'בו ו'את ל'ב, וואָס איז אויך ראשי תיבות אלו"ל, ווערט פון אלו"ל ראשי תיבות א'וי ל'ו ו'אוי ל'נפשו' ח"ו.

וואָס ער האָט אויפגעבויט און אַ צווייטער וועט עס באַנייען, אָדער וועגן די פרוי וואָס ער האָט געטוהן מיט איר אַ שידוך און ער האָט נאָך נישט חתונה געהאַט מיט איר, אָדער וועגן דעם וויינגאָרטן וואָס ער האָט איינגעפלאַנצט און ער האָט עס נאָך נישט אויסגעלייזט (אין פערטן יאָר), און עס איז אַן **עגמת נפש** אַז דער מענטש זאָל זיין פאַרנומען מיט אַזוינע נאַרישקייטן אין אַזעלכע גורל'דיגע שעה'ן, ווען זיין גאַנצער געדאַנק דאַרף זיין פאַרנומען מיט הייליגע געדאַנקען פון יחוד השם[טז].

**טז.** אין דער שטאָט באַרדיטשוב האָט געוואוינט אַ איד, וואָס איז ליידער געווען זייער שוואַך אין אידישקייט. ער איז כסדר געגאַנגען מדחי אל דחי ל"ע. דער הייליגער 'קדושת לוי' זי"ע האָט כסדר געזוכט איהם צוריקצוברענגען צום ערליכן וועג, אָבער יענער האָט זיך כסדר אַרויסגעדרייט דערפון, זאָגנדיג: רבי, יעצט האָב איך נישט קיין צייט תשובה צו טוהן. מיט'ן אויבערשטען'ס הילף, וועט קומען די צייט פאַר מיר תשובה צו טוהן.

אין אַ געוויסן טאָג איז דער איד געוואָרן זייער נישט געזונט ל"ע און האָט זיך געפונען אין אַ שווערן מצב ה"י. איז דער באַרדיטשובער רב געקומען איהם מבקר חולה זיין, און איהם געזאָגט: 'רבי איד, דאָס איז דיין לעצטע געלעגנהייט תשובה צו טוהן. געב א קוק, דו האַלטסט דאָך שוין ביים סוף פון דיין לעבן, און וואָס וועט זיין מיט תשובה? אויף ווען ווילסטו דאָס יעצט אָפּלייגן?'. האָט דער איד זיך אָנגערופן: 'אוי, אוי, דער רבי זעהט דאָך אַז יעצט שפּיר איך נישט גוט. אַפילו אויב כ'זאָל וועלן תשובה טוהן, האָב איך יעצט נישט די כוחות וואָס עס פאָדערט זיך תשובה צו טוהן'...

### מן הבאר

הגה"צ רבי גמליאל ראַבינאָוויטש שליט"א האָט געזאָגט: איך האָב זיך אַרומגעדרייט אין מערערע ישיבות. איך האָב דאָרט געטראָפן אַסאַך אַלטע בחורים וואָס וואַרטן נעבעך אויף אַ שידוך, אָבער איך האָב נישט קיינמאָל באַגעגנט אַן אַלטן חתן... איז דאָך דאָס אַ וואונדער, ווייל מ'ווייסט אַז כמעט קיינער האָט נישט גענוג געלט פאַר אַ זאַל, פאַר אַ שטריימל, מלבושים, אַ דירה, א.א.וו. פונדעסטוועגן, האָבן מיר קיינמאָל נישט געהערט אַז עמיצער זאָל בלייבן לאַנגע יאָרן אַ חתן... ווי אַזוי איז עס מעגליך, אַז אַלע האָבן חתונה ביז אַ יאָר, און מ'שטעלט אַלעס צו פאַר איהם בעזהי"ת, אָבער פון דער אַנדערער זייט, זעהט מען איבעראַל עלטערע בחורים?

- מוז מען בעל כרחך זאָגן - האָט רבי גמליאל ראַבינאָוויטש געזאָגט. - אַז דאָס איז דערפאַר ווייל דער חתן ווייסט אַז מ'האָט באַשטימט אַ זמן החתונה (און עס איז דאָ אַ כלה וואָס וואַרט), ממילא פאַרשטייט ער, אַז ער האָט נישט קיין אַנדערע ברירה, נאָר אַלעס צו ערלעדיגן באַצייטענס. ער וועט שוין בעל כרחו טרעפן פאַרשידענע וועגן ווי אַזוי צוזושטעלן דאָס געלט, דורך זאַמלען נדבות, הלוואות, און אויף אַנדערע אופנים.

אַלענפאַלס, זעהען מיר פון דעם, אַז **ווען דער מענטש פאַרשטייט אַז ער מוז ערלעדיגן אַ געוויסע זאַך, געפינט ער שוין אַ וועג דערפאַר.** אַזוי איז עס ביי יעדן ענין. צום ביישפיל, דער מענטש האָט 'באַשלאָסן' אַז ער קען נישט אויפשטיין אינדערפרי... ער קען נישט באַהערשן זיין מויל, זיינע אויגן. דאַרף ער **זיך שפּירן ווי אַ חתן.** אויך דער חתן, קען נישט צוזאַמענשטעלן די הוצאות החתונה... נאָר וואָס דען, ער ווייסט אַז די חתונה **מוז** פאַרקומען, און דאָס ברענגט איהם דערצו אַז ער קען יאָ חתונה האָבן. דאָס זעלבע איז מיט אונז. ווען מיר וועלן אנערקענען אַז **מ'מוז** טוישן דעם מצב. מ'מוז אויפשטיין פרי, מ'מוז היטן דאָס מויל און די אויגן, וועט מען ממילא אַלעס קענען באַוויזן. **מ'וועט שוין געפינען אַ וועג עס צו דערגרייכן.**

נאָך טיפער: ווען דער מענטש זאָגט 'איך קען נישט', איז עס אַזוי ווי ער וואָלט בפירוש געזאָגט, 'איך בין נישט **איבערצייגט** אַז איך דאַרף עס טאַקע טוהן', ווייל דאָס וואָס דער מענטש פאַרשטייט אַז ער דאַרף עס טוהן, געפינט ער שוין אַ וועג צו ערלעדיגן די זאַך.

ס'איז מעגליך, אַז דאָס איז די כוונה פון 'מזל אלול בתולה'. מ'דאַרף געדענקען, **אַז מ'האָט שוין קובע געווען אַ זמן פאַר די 'חופה'... מ'קען עס שוין מער נישט אָפּשטופן...** מ'איז מחויב יעצט אַלעס צו ערלעדיגן, תשובה טוהן און זיך דערנענטערן מיט אַן אמת'דיגע נאָנטקייט צום באַשעפער ברוך הוא, וואָס ער קוקט אַרויס צו די תשובה פון אידישע קינדער אין חודש אלול.

לדידן יאמר, אין אַזעלכע געהויבענע טעג ווי חודש אלול, ימי הרחמים והרצון, איז עס אַ מורא'דיגע 'עגמת נפש', אַז דער מענטש איז פאַרנומען מיט נאַרישקייטן, און אנשטאט אויסצונוצן יעדע רגע[ז] פאַר תשובה און עבודת השם, ווען די צייט איז אַזוי טייער[ח], טוט ער פאַרלירן מיט זיינע אייגענע הענט[ט] די בעסטע מתנה וואָס דער אויבערשטער, מיט זיין גרויסן חסד, האָט אונז געשאָנקען.

---

האָט דער 'קדושת לוי' איהם געענטפערט מיט'ן דערציילן אַ מעשה: איינער האָט געאַרבעט אַלס פאַרוואַלטער ביים 'פּריץ' פון דאָרף. ער האָט געהאַלטן אַן אויג אויף די פעלדער און וויינגערטנער, חיות און בהמות, וואָס האָבן באַלאַנגט צום פּריץ. איינמאָל אינמיטן זומער, האָט דער פּריץ געהייסן דעם פאַרוואַלטער, בויען אַ דאַך אינעם שטאַל וואו עס האַלטן זיך אויף זיינע בהמות, ווייל אָט-אָט וועט אָנקומען דער ווינטער, מיט זיינע קעלטן און פרעסטן, רעגנס און שנייען וואָס שאַטן שטאַרק פאַר די בהמות און חיות. האָט דער פאַרוואַלטער געענטפערט דעם פּריץ: ס'איז דאָך יעצט זומער, אינדרויסן איז וואַרים, און די זון שיינט אויף דער וועלט. ווען דער ווינטער וועט קומען, וועל איך תיכף ומיד אויפבויען אַ דאַך אינעם שטאַל.

אָנהייב ווינטער האָט שטאַרק גערעגנט, און די בהמות זענען נאַס געוואָרן. אַן אויפגערעגטער, איז דער פּריץ געקומען צו לויפן און אָנגעשריגן זיין פאַרוואַלטער: צי דען זעהסטו נישט ווי דער רעגן שאַדט פאַר די בהמות? האָט דער פאַרוואַלטער זיך פאַרענטפערט, זאָגנדיג:

- וואָס ווילסטו, פּריץ לעבן... יעצט, אין ווינטער, זאָל איך קענען אויפבויען דעכער?... אַלעס איז דאָך פול מיט בלאָטע, אינדרויסן איז זייער קאַלט... לאָמיר שוין ענדערש וואַרטן ביז ס'וועט אָנקומען דער זומער...

דער איד האָט גוט פאַרשטאַנען דעם לימוד פון די 'מעשה' וואָס דער הייליגער באַרדיטשובער רב זי"ע האָט איהם דערציילט, און ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, און אַזוי האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה. שפּעטער האָט דער באַרדיטשובער רב געזאָגט, אַז דער איד האָט זוכה געווען צו שטאַרבן מתוך תשובה.

לדידן ייאמר, במשך פון גאַנצן יאָר גייט יעדער איינער אין זיינע וועגן. דער אויבערשטער בעט זיך ביים מענטש ער זאָל תשובה טוהן און פאַרלאָזן זיינע שלעכטע דרכים, אָבער דער מענטש טוט עס כסדר אָפּלייגן. נישט יעצט... כ'וועל צוּוואַרטן ביז עס וועט קומען די צייט פון תשובה. מ'וועט זעהן חודש אלול, ווען אַלע אידן טוהען תשובה... אַלזאָ, מ'האַלט שוין ביים סוף פונעם יאָר, און דער מענטש זאָגט: **ווי אַזוי קען איך יעצט תשובה טוהן... עס וועלן אַריבערגיין די 'ימים נוראים', כ'וועל זיין ריין פון עבירות נאָך יום כיפּור, וועט מען דעמאָלס עפענען 'אַ ניי בלעטל'... אי"ה שבת בראשית, וועל איך אָנהייבן פונדאָסניי... זאָגט מען איהם: ר' איד, ניין! 'כלו כל הקיצין', מ'קען שוין מער נישט וואַרטן, מ'דאַרף שוין יעצט טוהן וואָס נאָרמעגליך.**

**יז.** עס ליגט טאַקע אַ גרויסע אחריות אויף יעדן איד אין די יעצטיגע טעג, ווי הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע האָט דערציילט, אַז הרה"ק רבי מרדכי'לע לעכוויטשער זי"ע איז אַמאָל אין די טעג פון חודש אלול געפאָרן אויפ'ן וועג, און ער איז אַריינגעפאָרן מיט די משמשים אין אַ קרעטשמע, כדי דאָס פערדל זאָל זיך דערווייל קענען אָפּרוהען. אין דער קרעטשמע, זענען געזעסן אַ פּאָר גוים און געשמועסט. אין זייער שמועס, האָט דער לעכוויטשער געהערט ווי איינער זאָגט צום אַנדערן: **'דער וואָס אַרבעט נישט היינטיגן חודש געהעריג, וועט נישט האָבן וואָס צו עסן איבער'ן יאָר'...** האָט דער לעכוויטשער צוגערופן זיינע מענטשן, און זיי געזאָגט, זיי זאָלן הערן וואָס דער גוי האָט דאָ געזאָגט... (ספר 'תורת אבות', אלול)

ענליך פלעגט זאָגן הגה"צ רבי יחזקאל לעווינשטיין זצ"ל, דער משגיח פון דער פּאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק, אַז די טעג פון חודש אלול, זענען טעג ווען מ'טוט 'איינזייען' די תבואה אויפ'ן פעלד. פּונקט אַזוי ווי איינער וואָס טוט נישט איינזייען זיין פעלד, וועט נישט האָבן שפּעטער וואָס צו עסן, **עס וועט איהם נישט העלפן אַ 'טענת אונס'**, אַז ער האָט געהאַט פּראָבלעמען... דאָס זעלבע איז מיט די עבודה פון חודש אלול. אַ איד וואָס האָט שכל, טוט שוין 'איינזייען' די תבואה, ער טוט ריכטיג תשובה, און אַזוי קען ער שפּעטער עסן די פּירות פון זיין תשובה, במשך פון קומענדיגן יאָר הבעל"ט. (קונטרס 'ימי רצון')

**יח.** מיר האָבן שוין נאָכגעזאָגט וואָס דער הייליגער צאַנזער רב זי"ע שרייבט אין אַ תשובה אין חודש אלול (שאלות ותשובות 'דברי חיים', יו"ד ח"א, סי' לג), בזה הלשון: **'ולפלפולי בעלמא** (אף בדברי תורה) **אין הזמן גורם, כי צריך לבדוק חדרי משכיות לבב בימים נוראים הללו. אלול תרי"ז'**, עכל"ק.

הרה"ק בעל הפלאה זי"ע שרייבט אין זיין ספר 'פנים יפות' (פ' אחרי, ד"ה 'ביד'), אַז **יעדע שעה אין חודש אלול איז חשוב אַזוי ווי אַ גאַנצער טאָג.**

נאָך שטאַרקערע ווערטער, שרייבט דער גאון בעל 'בן איש חי' זצ"ל, אין אַ בריוו: 'איך האָב דיר דאָס געשריבן אין חודש אלול, וואָס **יעדע סעקונדע אין דעם חודש איז ביי מיר חשוב אַזוי ווי אַ גאַנצער חודש אין משך פונעם יאָר**'.

הרה"ק רבי ישראל אברהם פון טשאַרני-אוסטראה זי"ע (אַ זון פון הייליגן רבי'ן ר' זושא פון האניפּאָלי זי"ע) האָט דערציילט, אַ רייכער איד האָט געהאַט אַ זון וואָס איז געווען גייסטיש נישט געזונט ל"ע, און דער רייכטער טאַטע האָט געליטן פון איהם בזיונות, ה' ירחם. עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט איהם געמוזט איינשפּאַרן אין הויז, כדי מענטשן זאָלן נישט זעהן וואָס עס קומט פאָר מיט זיין זון.

אַמאָל אין חודש אלול, האָט דער אומגליקליכער טאַטע געהערט אַז עס איז דאָ אַ גרויסער צדיק אין ליזענסק, דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע, וועלכער באַווייזט ממש וואונדער צו פועל'ן ישועות פאַר אידן. איז דער טאַטע געפאָרן מיט'ן זון קיין ליזענסק - אַ וועג וועלכע האט געדוירט גאר לאנג צו גיין פון זייער היים. און כאָטש דער טאַטע האָט געהערט אַז דער רבי ר' אלימלך נעמט נישט אויף קיין מענטשן אין חודש אלול, און אפילו ביי פאַלן פון 'פיקוח נפש', ענטפערט ער נאָר מיט קורצע ווערטער, האָט ער געפילט אַז ער מוז פאָרן צום רבי'ן (טראַכטנדיג, אַז אַדאַנק זיין עשירות, וועט מען פאַר איהם עפענען אַלע טויערן).

אויפ'ן וועג, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין אַ קרעטשמע. דאָרט האָבן זיי באַגעגנט אַן אָרימאַן וועלכער האָט געבעטן פון זיי אַ שיינע נדבה. ווען דער זון האָט געזעהן דעם אָרימאַן, האָט ער זיך געוואָנדן צו זיין טאַטן, רעדנדיג ווי אַ 'נאָרמאַלער' מענטש, אַז דער טאַטע זאָל געבן פאַר דעם אָרימאַן אַ שיינע נתינה. איז דער טאַטע געווען ערשטוינט צו זעהן ווי זיין זון רעדט ווערטער, וואָס ער האָט שוין לאַנג נישט אַרויסגעזאָגט פון מויל... ער רעדט דאָך עפּעס ווי אַ נאָרמאַלער געזונטער מענטש. פון גרויס שמחה, האָט דער טאַטע געשאָנקען דעם אָרימאַן אַ האַלבן גאָלדענעם רענדל. דאַן האָט דער אָרימאַן געפרעגט דעם טאַטן וואוהין זיי פאָרן, און דער עושר האָט איהם דערציילט וועגן דעם מצב פון זיין זון, און אַז דערפאַר פאָרט ער יעצט קיין ליזענסק צום הייליגן רבי'ן ר' אלימלך, ער זאָל איהם אויסהיילן זיין זון. האָט דער אָרימאַן איהם געזאָגט: 'דו זעהסט דאך אַז דיין זון שפּירט זיך שוין, ברוך השם, אַסאַך בעסער, ער רעדט שוין כאחד האדם, ממילא, וואָס האָסטו צו פאָרן צום צדיק, און איהם אומזיסט שטערן פון זיין הייליגע עבודה אין חודש אלול?

דער עושר האָט אָבער נישט געוואָלט הערן וועגן זיך צוריקדרייען און אַהיים פאָרן, און געזאָגט צו דעם אָרימאַן: אויב איך בין שוין געפאָרן ביז אַהער, וועל איך שוין פאָרן ווייטער, און פּרובירן באַקומען אַ ברכה פון הייליגן מויל פון רבי'ן ר' אלימלך, און זיי זענען טאַקע געפאָרן ווייטער קיין ליזענסק. אָנקומענדיג אין הויז פון רבי'ן ר' אלימלך, האָט דער עושר אונטערגעקויפט די משמשים בקודש מיט אַ שיינע 'מתנת יד', און זיי האָבן איהם טאַקע אַריינגעלאָזט צום רבי'ן ר' אלימלך. ער האָט מזכיר געווען זיין זון פאַר'ן רבי'ן ר' אלימלך, און איהם דערלאַנגט אַ 'פדיון נפש' פון 12 גאָלדענע רענדלעך. האָט דער רבי ר' אלימלך איהם געזאָגט:

**- אוי, ר' איד, וואָס טוט זיך מיט אייך?... אליהו הנביא, האָט איר געשאָנקען בלויז אַ האַלבן רענדל, און פאַר מיילעכ'ן גיט איר גאַנצע 12 רענדלעך...**

ערשט דאַן האָט דער איד זיך געכאַפּט, אַז יענער 'אָרימאַן' איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי אליהו הנביא בכבודו ובעצמו, וועלכער איז געשיקט געוואָרן פון הימל צו דעם איד, כדי איהם צוצורעדן ער זאָל נישט פאָרן קיין ליזענסק, כדי **נישט צו שטערן דעם רבי'ן ר' אלימלך פון זיין הייליגע עבודה אין חודש אלול.**

און הרה"ק רבי ישראל אברהם האָט אויסגעפירט די מעשה, זאָגנדיג: פון דעם זעהען מיר ווי טייער ס'איז געווען ביים באַשעפער די עבודה פון מיין הייליגן פעטער דער רבי ר' אלימלך אין חודש אלול, אַז מ'האָט אַפילו געשיקט אליהו הנביא פון הימל אַז ער זאל אויסהיילן דעם עושר'ס זון, אַבי ער זאָל נישט שטערן דעם רבי'ן ר' אלימלך פון זיין הייליגע עבודה (געברענגט אין ספר 'קדושת נועם אלימלך', ע' תקד).

**יט.** הגה"צ רבי צבי מאיר זילבערבערג שליט"א האָט געזאָגט, אויף דעם פסוק (שמות לג, כ) 'ויאמר לא תוכל לראות את פני', זאָגט די גמרא (ברכות ז.), רבי יהושע בן קרחה האָט געזאָגט, דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה רבינו ע"ה, 'כשרציתי לא רצית, עכשיו שאתה רוצה, אני איני רוצה' - ווען דער אויבערשטער האָט זיך באַוויזן צו משה רבינו ע"ה ביים 'סנה', האָט משה נישט געוואָלט קוקן אויף די שכינה, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט 'ויסתר משה

**דער** אויבערשטער זאָל אונז שענקען דעם ריכטיגן שכל צו וועלן זיין נאָנט צו איהם אין די יעצטיגע ימי הרחמים והרצון, עס זאָל מקוים ווערן ביי אונז 'אני לדודי ודודי לי', און מיר זאָלן אַלע זוכה זיין צו אַ כתיבה וחתימה טובה אין אַלע עניינים, אמן.

---

פניו', און צוליב דעם, ווען ער האָט געבעטן 'הראני נא את כבודך', האָט דער אויבערשטער איהם נישט געוואָלט וויזן זיין געשטאַלט כביכול.

זאָגט הגה"צ רבי צבי מאיר שליט"א, פון דעם קענען מיר פאַרשטיין ווי ווייט מיר דאַרפן אויסנוצן דעם 'עת רצון' וואָס עס הערשט חודש אלול, ווייל יעצט וויל דער אויבערשטער אַז מיר זאָלן זיך דערנענטערן צו איהם, און וואָס פאַראַ פנים האָט דער מענטש וואָס ער וויל נישט חלילה, דעמאָלס ווען דער אויבערשטער וויל יאָ. **אויב דער אויבערשטער וויל יעצט אונזער התקרבות, דאַרפן מיר אויך וועלן און גליסטן דערצו, כדי מ'זאָל נישט אָנקומען ח"ו צו אַ מצב אַז מ'זאָל אונז זאָגן 'כשרציתי לא רצית'...** (כאָטש ס'איז דאָך קלאָר אַז דער אויבערשטער טוט אייביג אָננעמען די תשובה פון יעדן איד, איז עס אָבער אַ לימוד פאַר אונז, אויסצונוצן געהעריג די צייט - 'דבר בעתו מה טוב').

און רבי צבי מאיר האָט דערויף דערציילט אַ מעשה, וואָס ער האָט געהערט פון אַן עלטערן איד, וואָס האָט עס געהערט פון דעם בעל העובדא, אַ זקן וואָס האָט נאָך זוכה געווען צו פאָרן צום שינאָווער רב, הרה"ק בעל 'דברי יחזקאל' זי"ע, אַז ער האָט אַמאָל געוואַרט אין די רייע אַריינצוגיין צום שינאָווער רב זי"ע, און פאַר איהם, איז צוגעגאַנגען אַ איד און זיך מזכיר געווען אַז ער וואַרט שוין מערערע יאָרן געהאָלפן צו ווערן בזרע של קיימא, און ער האָט נאָך נישט זוכה געווען צו די ישועה. יענער איד האָט זייער שטאַרק געוויינט אַז דער רבי זאָל אויס'פועל'ן פאַר איהם אַ ישועה. איז דער שינאָווער רב אַריין אין אַ מצב פון 'דביקות', און עס האָט אויסגעזעהן ווי ער דרימלט. אַזוי איז אַדורכגעגאַנגען אַ לענגערע צייט, און דער שינאָווער רב האָט זיך נאָך אַלץ נישט אויפגעוועקט. האָט דער איד, וועלכער איז געווען זייער פאַרמאַטערט פון וועג, זיך אַוועקגעזעצט אין אַ זייט פון צימער, און ער האָט איינגעדרימלט.

אינצווישן האָט דער שינאָווער רב זיך ערוועקט פון זיין דביקות, און ער האָט אָנגעהויבן ווינטשן זיינע ברכות פאַר א זקן וואָס איז דאָרט געשטאַנען אין רייע נאָך דעם קינדערלאָזן איד, אַז ער וועט היי יאָר געהאָלפן ווערן מיט אַ בן זכר, און ער האָט איהם הויך צוגעוואונטשן 'מזל טוב!' וכך הוה, צום יאָר איז ביי דעם זקן געבוירן געוואָרן אַ געזונט לעבטיג יונגעלע בלע"ה... אינצווישן האָט דער ערשטער איד (וואָס האָט טאַקע געדאַרפט געהאָלפן ווערן מיט זרע של קיימא) זיך אויפגעכאַפּט פון זיין דרימל, און ער האָט געזעהן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, אַז דער שינאָווער רב האָט אָנגעוואונטשן אַן אַלטן איד אַ בן זכר, און ער איז געבליבן 'קרח מכאן ומכאן'... האָט ער זיך צעוויינט און געזאָגט צום שינאָווער רב: איך האָב דאָך דערלאַנגט פאַר'ן רבי'ן דאָס קוויטל געהאָלפן צו ווערן בזרע של קיימא. האָט דער שינאָווער רב איהם געזאָגט: 'ליידער, איז צו שפּעט. די שפע איז אַראָפּגעקומען, אָבער יענער האָט זוכה געווען דערצו'.

פון די מעשה קענען מיר לערנען, דער מענטש האָט אַסאַך מאָל 'געלעגנהייטן' וואָס מ'טאָר נישט פאַרפּאַסן. **מ'וויל דיך בענטשן פון הימל מיט אַ שפע פון ברכה העכער פון די טבע, זעה נישט צו 'פאַרשלאָפן' די ברכה...**

**דאָס זעלבע איז מיט חודש אלול. דער אויבערשטער כביכול רופט אויס אין הימל: איך וויל אייך שענקען אַ גוט זיס יאָר, מיט בני, חיי ומזוני,** און אויף דעם בלאָזן מיר מיט'ן שופר, אויסצוּוועקן די פאַרשלאָפענע הערצער. 'עורו ישנים מתרדמתכם'. מ'דאַרף זיך גרייט ווי ס'דאַרף צו זיין, און דאַן איז מען זוכה צו די גרויסע השפעות פון הימל.

# ׳קראוהו בהיותו קרוב׳

הגאון רבי יצחק טובי׳ ווייס זצ״ל גאב״ד ירושלים האט דערציילט - ווען ער האָט גערעדט וועגן דעם כח פון חודש אלול, אַז עס איז אַ בחינה פון ׳מלך בשדה׳ - די פאָלגענדע מעשה:

אַלס קינד, האָט ער געוואוינט מיט זיינע עלטערן אין אַ שטעטל וואָס איז געווען פיר קילאָמעטער ווייט פון פּרעשבורג. ווען די דייטשע רשעים ימ״ש האָבן זיך דערנענטערט צו זייער שטעטל, האָט דער ראש הקהל פון שטעטל נישט געוואוסט וואָס ער דאַרף יעצט טוהן, ווייל מ׳האָט דאָך דעמאָלס נישט געהאַט קיין אַנונג וואָס עס זענען די אמת׳דיגע פּינצטערע פּלענער פון די נאַצישע מערדער ימ״ש. אין יענע צייטן, זענען נאָך נישט געווען פאַרבינדונגען צווישן איין שטאָט און דער אַנדערער שטאָט, אַזוי אַז אין א קליינעם שטעטל האָט מען נישט געהאַט קיין אַנונג וואָס עס קומט פאָר אין די גרעסערע שטעט. האָט דער ראש הקהל געשיקט דאָס יונגל טובי׳ ווייס (דעם שפּעטערדיגן גאב״ד ירושלים) קיין פּרעשבורג צום דאָרטיגן ראש הקהל, ער זאָל איהם פרעגן וואָס ער האָט צו טוהן אין אַזאַ צייט. האָט דער ראש הקהל איהם געזאָגט ער זאָל זאָגן דעם ראש הקהל אין זיין שטעטל, אַז דער מצב איז ליידער זייער ביטער, און אידן נויטיגן זיך אין גרויס רחמים. דאַן האָט דער ראש הקהל צוגעגעבן:

- מיר דערוואַרטן אַז דער קעניג פון ענגלאַנד וועט אַהער שיקן קיין פּרעשבורג אַ באַן-צוג מיט טויזנט ערטער, כדי צו ראַטעווען טויזנט אידישע קינדער פון דער סכנה, און מ׳האָט פאַרלאַנגט פון מיר צוצושטעלן אַ ליסטע פון וועלכע קינדער וועלן קענען זיין אויף דעם באַן. ליידער ווייס איך נישט וועמען צו געבן פאָרצוג, דאָס הייסט, וועמען איך זאָל פאַרצייכענען אויף דער ליסטע פריער ווי אַנדערע (אַלע האָבן זיך דאָך געוואָלט ראַטעווען), אָבער דו, וויבאַלד דו ביזט אַהער געקומען און דו געפעלסט מיר זייער, וועל איך דיך אַרויפשטעלן אויף דער ליסטע, און כ׳וועל דיר געבן אַ רייזע-בילעט, צו קענען פאָרן מיט יענע באַן קיין ענגלאַנד.

איז דער יונגעל טובי׳ ווייס שנעל צוריקגעלאפן צו זיין היים-שטעטל, און איבערגעבן די שליחות פאַר׳ן אָרטיגן ראש הקהל. דאַן איז ער שנעל אַהיימגעגאַנגען צו זיינע עלטערן, און זיי דערציילט אַלעס וואָס דער ראש הקהל פון פּרעשבורג האָט איהם אָנפאַרטרויט. האָבן זיינע עלטערן שנעל איינגעפּאַקט זיינע זאַכן, און צום לעצטן מאל, זיך געזעגנט מיט איהם מיט אַ שווער האַרץ און פאַרטרערטע אויגן אויף אייביג (זיין מאמע האָט איהם דעמאָלס אָנגעזאָגט, ער זאָל קיינמאָל נישט פאַרגעסן אַז ער איז אַ איד). רבי טובי׳ האָט זיך טאַקע ביז אַ קורצע צייט געפונען בעהי״ת אין ענגלאַנד, צוזאַמען מיט די אַנדערע 999 קינדער וואָס זענען געראַטעוועט געוואָרן פון די ביטערע מלחמה.

עטליכע וואָכן נאָך דעם ווי זיי זענען אָנגעקומען אין ענגלאַנד, האָט פאַר׳ן קעניג פון ענגלאַנד זיך פאַרגליסט צו זעהן מיט זיינע אייגענע אויגן די רעזולטאַטן פון דער רעטונג וואָס ער האָט גורם געווען, און ער האָט פאַרלאַנגט צו זעהן די טויזנט אידישע קינדער וואָס זענען געראַטעוועט געוואָרן אַדאַנק די באַן וואָס ער האָט זיי געשיקט, און ער האָט געשיקט אַ מעלדונג אַז אין אַ באַשטימטן טאָג, וועט ער קומען זעהן ׳זיינע׳ געראַטעוועט קינדער.

אינעם באַשטימטן טאָג, האָט מען אויסגעשטעלט די קינדער אין צוויי רייען אויף אַ גאַס אין לאָנדאָן, און דער קעניג איז געקומען זיי זעהן. מיט גרויס באַגייסטערונג, איז ער אַדורכגעפאָרן

צווישןביידע שורות מיט זיין קעניגליכע קאַרעטע. פלוצלינג, האָט איינער פון די קינדער אַרויפגעשפרינגען אויפ'ן וואָגן, מיט'ן באַגער צו רעדן מיט'ן קעניג. זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז די קייסערליכע וועכטער און באַדינער זענען באַלד אַרויפגעשפרינגען אויף דעם קינד, און איהם געוואָלט אַראָפּטרייבן פון די קעניגליכע קאַרעטע. אָבער דער קעניג, וועלכער האָט צוגעזעהן די גאַנצע סצענע, האָט געזאָגט אַז ער וויל הערן וואָס דאָס קינד וויל זאָגן, און באַפוילן פאַר זיינע באַדינער און וועכטער איהם אָפּצולאָזן.

האָט דאָס קוראַזשפולע יונגל אנגעהויבן זיינע ווערטער מיט שירות ותשבחות פאַר דעם קעניג, איבער זיין גוטהאַרציגקייט וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן צו ראַטעווען אַזאַ גרויסע צאָל יונגע אידישע נפשות. 'מיין האַרץ ווייטאָגט מיר אָבער' - האָט דאָס קינד צוגעגעבן צוליב דעם פאַקט אַז דער חסד פונעם קעניג קען נישט זיין בשלימות, און איך האָב נישט קיין מנוחה אַזוי לאַנג ווי איך דאַרף זאָרגן און ציטערן טאָג און נאַכט פאַר'ן וואוילזיין פון מיינע עלטערן און מיין גאַנצע משפחה. ווער ווייסט וואָס זייער גורל איז...

האָט דער קעניג געפרעגט דאָס יונגל וואו זיינע עלטערן וואוינען, און דאַן האָט ער איהם וואַרים אָפּגעזעגנט. ביז צוויי וואָכן, האָט דער קעניג באַוויזן צו ראַטעווען פון די נאַצישע פייערן, די עלטערן און די גאַנצע משפחה פון יענעם יונגל, ע"כ המעשה.

ביים דערציילן די מעשה, פלעגט הג"ר טובי' ווייס צוגעבן: לאָמיר זיך באַטראַכטן ווי אַזוי עס וואָלט אויסגעזעהן די דאָזיגע 'מעשה', אויב דער קעניג וואָלט זיך דעמאָלס געפונען אין זיין פּאַלאַץ. צי וואָלט דאָס יונגל אויך דעמאָלס געקענט צוקומען צום קעניג, און מיט איהם 'כאַפּן אַ שמועס'? די קעניגליכע וועכטער שטייען דאָך שוין פונדערווייטענס אויף דער וואַך, צו דערווייטערן יעדן איינעם וואָס איז נישט גערופן געוואָרן צום קעניג... דאָס יונגל האָט אָבער יאָ געקענט צוקומען נאָנט צום קעניג, **ווייל דער קעניג האָט זיך דעמאָלס געפונען 'אויפ'ן פעלד' - 'אונטערוועגנס', און ס'איז געווען אַ מצב פון 'בהמצאו'...** ממילא, האָט דאָס קינד געהאַט די געלעגנהייט צוצוקומען נאָנט, ווייל דער קעניג האָט דעמאָלס געשפּירט אַ דערנענטערונג און אַ פּערזענליכן שייכות מיט די אידישע קינדער.

דער נמשל איז, ווען **דער גרויסער קעניג, מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא געפינט זיך נעבן אונז און איז 'נאָנט' צו אונז, איז אַפילו אַ פּשוט'ער איד אימשטאַנד צוצוגיין נאָנט צום באַשעפער כביכול, און פּועל'ן דעמאָלס ישועות אויך למעלה מדרך הטבע.**

פון די מעשה לערנען מיר אויך וועגן דעם גרויסן מוט און קוראַזש וואָס דאָס קינד האָט געהאַט, ווייל דאָרט זענען דאך געווען נאָך 999 יונגע אידישע קינדער, און זיי האָבן נישט געטוהן וואָס ער האָט געטוהן - צוצולויפן צום קעניג. זיי האָבן נישט געוואַגט צו בעטן הילף פאַר זייערע פאַמיליעס. נאָר דאָס דאָזיגע יונגל האָט נישט פאַרפאַסט די געלעגנהייט, און מיר זעהען דאָך וואָס ער האָט דערמיט אויפגעטוהן... דאַרפן מיר אויך פאַרשטיין צו טוהן דאָס זעלבע, **ווען מיר שטייען נאָנט צום גרויסן קעניג - 'בהיותו קרוב' - דאַרפן מיר זעהן אויסצונוצן דעם שעת הכושר, כדי צו פּועל'ן גרויסע ישועות און אַסאַך שפע.**